STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04100

MORIS VINTSHEVSKI

Abraham Bick

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם ביק

מאָריס ווינטשעווסקי–
דער טרוימער און קעמפער

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף
פון מאָריס ווינטשעווסקי אַרבעטער־רינג צווייג 983
לאָס אַנגעלעס, קאַל.
1956

MORRIS WINCHEVSKY

Dreamer and Fighter

By Abraham Bick

Copyright, 1956, by
A. BICK
New York, N. Y.
1956

אינהאַלט:

	זייט
הקדמה	3
ביאָגראַפישע שטריכן	6
דער משכיל וואָס איז אַנדערש	7
טרוימען און קאַמפן	16
דער „משוגענער פילאָסאָף"	32
דעם „זיידנס" געשטאַלטן און פערזענלעכקייטן	35
מאָריס ווינטשעווסקי — דער ליריקער	42

200

הקדמה

דער הונדערטסטער געבוירנטאָג פון מאָריס ווינטשעווסקי רופט אַרויס אַ נייע פאַראינטערעסירונג מיטן „זיידן" פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און ערשטן יידישן אַרבעטער־פּאָעט און איז אַ גרויסע דאַטע פאַר דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור.

ווינטשעווסקי איז דער ריטמען־רייכער דיכטער־קלאַסיקער פון דער יידישער פּאָעזיע און איז אויך פון די ראשונים אין דער העברעאישער דיכטונג.

היינט צו טאָג, ווען העברעאיש איז אַ לעבעדיקע שפּראַך אין ישראל, דערמאָנט מען זיך, אַז מיט קאַרגע אַכציק יאָר צוריק, אין יענע יאָרן, ביים באַגינען פון יידישן סאָציאַליזם, האָבן ווינטשעווסקי און זיינע צייט־חברים די ערשטע אָנגעהייבן נוצן העברעאיש, ניט ווי אַ מיטל פאַר דער השכלה „די טאָכטער פון הימל", וואָס האָט געדינט דער אויפגעקלערטער יידישער קליין־ און גרויס־בורזשואַזיע, נאָר ווי אַ סאָציאַלער געווער אין די הענט פון די פאָלקס־מאַסן אין ערשטן פּראָצעס פון זייער סאָציאַלער דערוואַכונג.

ווינטשעווסקי — אין העברעאיש האָט ער זיך דאַן גערופן בן נץ — האָט אויף גיך דורכגעמאַכט דעם וועג פון ראַציאָנאַלן משכיל און איז געוואָרן דער זינגער פון די פאָלקס־מאַסן אויף זייער שפּראַך: יידיש. אָבער דערפון איז קלאָר, אַז דער יידישער אַרבעטער און פאָלקסמענטש נעמט איבער אויך די ירושה פון העברעאישן סאָציאַליזם. ווינטשעווסקי אַליין האָט געשריבן, אַז „מיר טאָרן ניט בויען אויף זאַמד" און מיר ירשנען אויך דאָס שעפערישע אין העברעאיש פון מאָריס ווינטשעווסקי און וואַרפן אָפּ דאָס שונדישע און רעאַקציאָנערע וואָס איז געשאַפן אין יידיש. די פּראָגרעסיווע העברעאישע ליטעראַטור אין ישראל שפּינט ווייטער די גאָלדענע טראַדיציעס פון ווינטשעווסקיס פּאָעזיע, פּעליעטאָן און עסיי,

פונקט ווי די פּראָגרעסיווע יידישע ליטעראַטור איז דער יורש פון זיין יידישן שאַפן.

אין דעם דאָזיקן ביכל קומען אַריין זעקס עסייען, טיילן פון אַ גרעסערער קריטישער אַרבעט וועגן „זיידן" (געוויסע טיילן זיינען דערשינען אין חודש־זשורנאַל „יידישע קולטור" און דער זאַמלשריפט „זאַמלונגען").

דער מחבר גרייט איצט צום דרוק אַ ביאָגראַפישן ראָמאַן וועגן זיידן — „דורות דערוואַכן".

איך וויל דאָ אויסדריקן מיין דאַנק און אנערקענונג דעם מאָריס ווינטשעווסקי צווייג 983 פון אַרבעטער־רינג אין לאָס־אַנדזשעלעס, פאַר העלפן אַרויסגעבן די זאַמלונג, און אַ באַזונדער יישר כח דעם שרייבער און קולטור־טוער אהרן ראָטבלאַט פאַר נעמען די איניציאַטיווע.

א. ב.

סעפטעמבער, 1956

„אין אַלע ריטמען וואָלט איך זינגען
צו וועקן דיך צום שטרייט;
אין אַלע גלעקער וואָלט איך קלינגען
צו מעלדן דיר די צייט;
אין אַלע שפּראַכן וואָלט איך רעדן, —
אַ פּלאַמענצונג — צו דיר,
אין שטראַלן די געדאַנקען קליידן,
פאַר דיר, מיין פאָלק, פאַר דיר.“

„מיר געדענקען אַמאָל אין דער אַלטער היים, אין די קלענערע שטעט סליחות־צייט. האַרבסטיקע פאַרטאָגן, טומאַנען, קעלט. און פּלוצלינג דערהערט מען פון דער פוילער פינצטערניש אַ רוף, וואָס טראָגט זיך הינטער די לאָדן, איבער די שטילע געסלעך, צווישן די שלאָפנדיקע הייזקעס — סומנע, הילכיק, זינגענדיק:

„אידן, שטייט אויף צו עבודת הבורא!“

אַזאַ וועקער איז ווינטשעווסקי געווען נאָך מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק — אַ וועקער הינטער די לאָדן, אין דער פוילער פינצטערניש פון די לאָנדאָנער געטאָס, צווישן די פאַרשלאָפענע קרבנות פון סוועטינג־סיסטעם. הילכיק און זינגענדיק האָט ער זיי געוועקט און גערופן צו דער „הייליקער זאַך“ — דער ערשטער, וואָס האָט זיי געוועקט און גערופן.

...און ווען די יידישע מאַסן האָבן אויפגענומען דעם קאַמף ניט פאַר די איינציק אָפּגעקליבענע, נאָר פאַרן גאַנצן פאָלק, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, און ווען זייער קאַמף איז געוואָרן אַלץ וואונדערלעכער, איז ווינטשעווסקי געוואָרן אַלץ שטאָלצער מיט זיי... ביז דער וועקער צום שטרייט און דער זינגער אין אַלע ריטמען, איז פון דערלייזנדיקן טויט שטום געוואָרן“.

(א. ליעסין, 1932)

ביאָגראַפישע שטריכן

מאָריס ווינטשעווסקי — בן ציון נאָוואַכאָוויץ — איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין־בירגערלעכער אָרעמער משפּחה אין שטעטל יאַנאָווע, קאָוונער גובערניע. זיין פֿאָטער אַליין איז געווען אַ משכּיל, כאָטש אַ פֿרומער. אַלס קינד האָט ער זיך מיט זיין משפּחה אַרויסגעצויגן קיין קאָוונע. אין 1870 איז ווינטשעווסקי אַוועקגעפֿאָרן קיין ווילנע צוזוגרייטן זיך אין ראַבינער־שול. דאָרטן האָט ער זיך באַקאַנט מיט די ווערק פֿון די ראַדיקאַלע אייראָפּעאישע און רוסישע שרייבער, בערנע, פּיסאַרעוו. אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט ער שוין געדרוקט אין דער העברעאישער צייטונג „המגיד" ראַדיקאַלע אַרטיקלען און לידער. אין די מיטלסטע 70ער יאָרן איז ער אַריבערגעפֿאָרן קיין אַריאַל, און דאָ האָט ער זיך באַקאַנט מיטן פֿאָלקיזם.

אין 1877 איז ווינטשעווסקי אַוועק קיין אויסלאַנד, קיין קעניגסבערג, און איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט פֿון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. האָט געשריבן אין אירע אָרגאַנען און אויך מיטגעאַרבעט אין ערשטן העברעאיש־סאָציאַליסטישן זשורנאַל „האמת". ווען דער „אמת" האָט זיך פֿאַרמאַכט, האָט ווינטשעווסקי רעדאַגירט אַ נייעם סאָציאַליסטיש־העברעאישן זשורנאַל „אסיפת חכמים" (1877—1878).

אין אָקטאָבער פֿון יענעם יאָר איז ער אַרעסטירט געוואָרן פֿאַר זיין סאָציאַליסטישער טעטיקייט, איז אָפּגעזעסן עטלעכע חדשים אין תּפיסה און מען האָט אים אַרויסגעשיקט פֿון דייטשלאַנד. ער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין ענגלאַנד, וואו ער איז גלייך טעטיק געוואָרן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אין לאָנדאָן איז ווינטשעווסקי צום ערשטן מאָל געקומען אין באַרירונג מיט די יידישע האָראָפּאַשניקעס, מיט די באַדינגונגען פֿון דער „סוועטינג־סיסטעם" פֿון די שעפּער, און ער האָט זיך גענומען צו פֿאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן. אין 1884 האָט ער אַרויסגעגעבן די ערשטע יידישע סאָציאַליסטישע צייט־

טונג „דער פוילישער יידל" און די ערשטע סאָציאַליסטישע בראָשור „יהי אור" (ס'זאָל ווערן ליכט). אין 1885 העלפט ער גרינדן דעם לאָנ־דאָנער „אַרבעטער פריינט" און ווערט זיין רעדאַקטאָר.

אין יענער צייט הייבט ער אָן דרוקן זיינע באַרימטע לידער פון אַרבעטער־דלות און נויט און וועקט מיט זיינע לידער צום קאַמף קעגן דער לוין־שקלאַפעריי. ער ווערט באַרימט ווי דער ערשטער פּראָלעטאַ־רישער דיכטער ביי יידן און פעליטאָניסט, וואָס שרייבט אונטערן טיטול „דער משוגענער פילאָסאָף" אין דער פאָרם פון שמועסן צווישן אַ זיידן און אַן אייניקל.

אין 1894 עמיגרירט ער קיין אַמעריקע, וואו ער ווערט איינער פון די הויפּט־שרייבער אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע און טוער אין דער יידיש־אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג.

ווינטשעווסקי איז געווען איינער פון די גרינדערס פון „פאָרווערטס". אין די ניינציקער יאָרן האָט ער רעדאַגירט אַ וואָכנשריפט „דער אמת" אין באָסטאָן. אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָט ער רעדאַגירט דעם חודש־זשורנאַל „די צוקונפט" און שפּעטער „די גלייכהייט". אין די צוואַנציקער יאָרן איז ער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגן־פרייהייט" און אין 1924 האָט ער באַזוכט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו ער איז פייערלעך אויפגענומען געוואָרן.

דער קעמפער און פּיאָנער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער ליטע־ראַטור, דער זיידע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז געשטאָרבן דעם 14טן מערץ, 1932.

זיינע צען בענדער לידער, פעליעטאָנען, פּובליציסטיק, דראַמען און מעמואַרן, זיינען רעדאַגירט געוואָרן פון קלמן מרמר און זיינען דערשינען אין יאָר 1928.

דער משכיל וואָס איז געווען „אַנדערש"

„דער ערשטער פּראָלעטאַרישער דיכטער"; „דער ערשטער אַרבעטער־פּאָעט ביי יידן"; „דער זיידע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג". די אַלע גוט־באַקאַנטע טיטולן פון „זיידן" מאָריס ווינטשעווסקי זיינען גאַנץ ווייניק אויף צו געבן אַ קאָנקרעטן אַנאַליז פון זיין שאַפן, פון זיין אידעען־וועלט, פון זיין ספּעציפיש־רייכער ריטמיק.

אַוודאי איז דער „זיידע" געווען דער ערשטער פּראָלעטאַרישער דיכ־

טער, דער גרויסער וועקער און אָנזאָגער אין דעם באַגינען, אָדער פרי־לינג פון דער ידישער אַרבעטער־באַוועגונג, אינעם בראשית פון ידישן סאָציאַליזם. זיין אידעען־וועלט, זיינע געשטאַלטן, זיין לעקסיק, זיין ריט־מיק, זיין סטיל וואָרצלען אָבער אין אַ ספּעציפישקייט, וואָס דאַרף ערשט אַנטפּלעקט ווערן.

אַ שליסל צו דער ווינטשעווסקי אייגנאַרטיקייט האָט אונדז געגעבן זיין ביאָגראַף קלמן מרמר, אין זיין אַרומנעמענדיקער ביאָגראַפיע (ערש־טער באַנד, געזאַמלטע ווערק, 1928).

אין זיין פאָרוואָרט זאָגט מרמר:

„זיין היסטאָרישער באַדייט באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז געווען ניט בלויז אַ פּיאָנער, נאָר אפשר נאָך מער אין דעם, וואָס יעדעס ליד איז ביי אים געווען אַ טאַט און יעדער טאַט — אַ געזאַנג.״

ווינטשעווסקי גופא האָט אונדז אויך געגעבן אַ שליסל צו אָט־דער ספּעציפישקייט זיינער אין זיין ליד „די מוזע און דער מוז״.

„ס׳שטייגן צום הימל די שטאָלצע רעיונות,
געדאַנקען געפליגלט, שטראַלן פון ליכט;
קומען אַראָפּ — אַך, —אַ זומפּ פון חשבונות
באַזידלט מיט קויט זייער געטלעך געזיכט.

דאָן אין דעם רוישנדיג, ברויזנדן שטורעם
ווערן זיי ווידער געלייטערט ביי מיר;
גיסן געזויבערט זיך אויס ווי אין פורם,
שטייגן אין הימל צוריק מיט אַ שיר.

און אַזוי שטיי איך ווי דעמאָלט אין חלום
דער לייטער ביי יעקב אָבינו אין לוז;
ער האַלט צונויף זיי און ס׳לעבן בשלום
מיין הימלישע מוזע, מיין זומפּיקער מוז״.

אין אָט־דעם אייגנאַרטיקן דיאַלעקטישן געפלעכט פון „געדאַנקען געפליגלט״ און „זומפּ פון חשבונות״ פון „הימלישער מוזע״ און „זומפּיקן מוז״ — ליגט דער סאָציאַלאָגישער עקוויוואַלענט פון זיידנס שאַפן און דער סוד פון זיין קינסטלערישער פאָרם.

ווינטשעווסקי איז געקומען אין דער ליטעראַטור אין יענער היסטאָ־

רישער סטאַדיע, ווען די השכלה — די „טאָכטער פון הימל" האָט זיך שוין מער ניט געקענט באַנוגענען מיט אויפקלערונג אַליין, עס איז נויטיק געווען, אַז די דאָזיקע משכילים מיט זייערע „באַפליגלטע געדאַנקען און שטאָלצע רעיונות" זאָלן זיך אַראָפּלאָזן צום ליידנדיקן המון, צו יענע אָרעמע שיכטן, וואָס האָבן געליטן פון קהלשן זומפּ און ביי וועמען די השכלה האָט אָוועקגענומען דעם נאַאיוון גלויבן אין הימל און ניט געגעבן קיין האָפענונג אויף דער ערד.

„געדאַנקען געפליגלטע", „שטראַלן פון ליכט", אויפקלערונג אין סטיל און נוסח פון די העברעאישע משכילים, צער און צאָרן אויסגעגאָסן אין נביאישע תנכישע סענטענצן וועגן אָנקום פון ברויזנדיקן שטורעם, פּאָליטישע עקאָנאָמיע אין דער פאָרם פון משניות און גמרא, תפילות און פּסוקים, אָנגעזאָפּט מיט מיטלייד צום „גנב", „פאַרברעכער" — דאָס אַלץ איז אַ גאַנצקייט, וואָס איז באַהויכט מיט איין און דעם זעלביקן פּאַטאָס, וואָס שמעלצט צונויף די „הימלישע מוזע" מיטן „זומפּיקן מוז".

דעם זיידנס ערשטער פסעוודאָנים איז געווען „בן־נץ" (ר"ת, איניציאַלן פון זיין נאָמען: בן־ציון נאָוואַכאָוויץ). ער איז שוין געווען ווייט פון דער געוויינלעכער השכלה, ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן זיינע העברעאישע סאָציאַליסטישע שירים און פעליעטאָנען אין תנכישן און מדרש־סטיל.

אַז מען ברענגט געוויינלעך דאָס לשון פון אַ פאַרעלטערטן שריי־בער, וויל מען דערמיט צוריקרופן דעם אַראָמאַט פון אַן עפּאָכע, אָדער וויזן דעם ספּעציעלן חן פון אַ באַזונדערן שרייבער, אָבער בן־נצס און יגליס, ווינטשעווסקיס, העברעאישע שאַפונגען זיינען ניט געווען קיין צינזן צו דער השכלה־אַטמאָספערע. ווינטשעווסקיס „נביאישער" טאָן, זיין אָפטע אינטערוועגץ אין דער ביבלישער רעטאָריק, אַפילו אין זיינע ידישע לידער, איז ניט קיין צופעליקייט.

שרייבנדיק וועגן רעוואָלוציאָנערע לידער אין פאַרשיידענע עפּאָ־כעס, ווייזט אָן פרידריך ענגעלס, אַז די מאַרסעליעזע פון די פויערישע מלחמות און אויפשטאַנדן איז געווען דאָס ליד: „גאָט איז אונדזער קראַפט און פעסטונג". „ניט ווייניק אָבסקוראַנטישע מיסט — זאָגט ווייטער ענגעלס — איז געווען אין די לידער פון דער טשאַרטיסטישער באַוועג־גונג. בכלל, די פּאָעזיע פון די פאַרגאַנגענע רעוואָלוציעס פאַרהיט זעלטן איר רעוואָלוציאָנערן עפעקט אין די שפּעטערדיקע צייטן, ווייל כדי צו

ווירקן אויף דער מאַסע, מוז זי אָפּשפּיגלען אויך די אָבערגלויבנס פון דער מאַסע אין דער געגעבענער עפּאָכע״.

אויך בן־נצס — ווינטשעווסקיס — העברעאישע עפּאָכע איז געווען דורכגעזאַפּט מיט יענע ביבלישע ריטמען און מעטאַפאָרן. דאָס זיינען אָבער ניט געווען די גוט־באַקאַנטע השכלה־מליצות און פּליטערלעך. די תנכישע מעשה־אַנלאַדונג פונעם פּאַרצייטיקן נביא האָט ניט געקענט ניט ווירקן אויפן ראַדיקאַלן משכיל, וואָס איז איבערגעגאַנגען צום פּאָל־קיזם און סאָציאַליזם, אויף זיין דראַנג צום באַקלאָגן די ליידן פון באַ־עוולהטן און באַדריקטן און צו דער פּאַלקלאַריסטישער סאַטירע פון באַ־עוולהער און באַדריקער.

אין דער הינזיכט האָט ווינטשעווסקי דערמאָנט די ערשטע באַזינגער פון די אַמאָליקע רעוואָלוציעס, און מען קען ציען אַן אַנאַלאָגיע פון זיינע ביבלישע און פּראָפעטישע געזאַנגען און פּראָזאַאישע פּאָעמעס מיט דער פּאָעזיע פון די בירגער־קריג יאָרן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווען קירכלעך־סלאַווישע עלעמענטן זיינען אָפט באַנוצט געוואָרן אין דער רע־וואָלוציאָנערער פּאָעזיע און פּובליציסטיק, די סיבה איז וואָס די רעוואָ־לוציאָנערן האָבן געהאַט אַ דראַנג אַנצוקליידן זייער פּאַטאָס אין דער־הויבענעם הויכן סטיל. די רעוואָלוציע האָט אָבער אַזאַ פּאַרטיקן „הויכן סטיל״ ניט געהאַט, און זי האָט אים גענומען פון דער טראַדיציע.

דאָס איז ניט געווען קיין אינטעליגענטישער קולט פון „ביבלישע מאָטיוון״, — ס׳איז גיכער געווען, ווי דער סאָוועטישער קריטיקער, מ. בראַנשטיין האָט אָנגעוויזן, „אַן אייגנאַרטיקע רעוואָלוציאָנערע אינטער־וועגץ אין די „הייליקע טעמפּלען״ כדי רעקווירירן דאָרטן „פּאַר די נוצן פון דער רעוואָלוציע״ דעם פּאַטעטישן אינווענטאַר״.

אויפן זעלבן אופן האָט ווינטשעווסקי, אין בראשית פון יידישן סאָציאַליזם, רעקווירירט פּאַר זיין סאָציאַלן נוצן די ביבלישע רעטאָריק, צופּאַסנדיק זי צו זיינע נויטן, צו זיין „מוז״.

בן־נצס העברעאישע אַרבעטער־פּאָעמעס „הגנב״, „שומר, מה מליל״ („וועכטער, וואָס וועט זיין פון דער נאַכט״), „למי אני עמל״ („פּאַר וועמען האָרעווע איך״), טרעטן אַרויס שטענדיק אין ביבלישן סטיל און ריטם.

„הכל ידי פעלו, הכל מעשי אצבעותי,
ואיה שכרי מכל עמלי תחת השמים?
לי מכל מוצא האדמה רק הנחשתים,

גנב יבא בפלילים — בהמצאו במחתרה,
רוצח לא ימות — אם חמוץ־בגדים איננו;
מקפח שכר־שכיר, ממלא אוצרותיו ׳ממנו׳,
בעל יד־חרוצים יקרא, לו „עטרת תפארת״.

(אַלץ האָבן מיינע הענט געשאַפן, און וואו איז דער לוין פאַר מיין פראַצע אונטער די הימלען? פון אַלץ וואָס קומט פון דער ערד האָב איך בלויז קייטן. דער גנב, וואָס גראָבט אונטער און דער מערדער ווערן באַשטראָפט: דער וואָס באַרויבט דעם אַרבעטער פון זיין לוין און פילט אָן זיינע אוצרות „פון אים״ — ער ווערט באַצייכנט אַ פלייסיקער, אַ בריה).

אין אָט־דעם אויסצוג האָט איר כמעט די גרונט־פאָרמעס פון דעם ביבלישן פראָטעסט; דעם פאַראַלעל, די נעגאַטיווע מעטאַפאָרע, אאַז״וו.

און אָט איז אַ מוסטער פון אַ גלענצנדיק קאַפּיטל תנך. דער דיכ־טער דערציילט אין זיינע זכרונות, ווי אין 1879, אונטערן דערשיטערנדיקן איינדרוק פון די דעבאַטן אין דייטשישן רייכסטאַג וועגן ביסמאַרקס „סאָציאַליסטישן געזעץ״, האָט ער אויפגעשריבן אַ קאַפּיטל תנך, נאָכ־מאַכנדיק די נביאים, און דאָס איז אַריין אין דעם 8טן (לעצטן) נומער פון דעם העברעאישן סאָציאַליסטישן זשורנאַל, וועלכן ער האָט רעדאַ־גירט, „אסיפת חכמים״ (פאַרזאַמלונג פון די קלוגע). ער גיט צו, אַז „דאָס איז די איינציקע שרייבערײ פון דעם מין אויף אַ ריין־רעוואָ־לוציאָנערער טעמע. דאָס קאַפּיטל תנך הייסט „משא דומא״ (פאָרטראַג פון שווייגן) און דער מחבר זאָגט, אַז עס איז אָריגינעל אויסגעלאָזן געוואָרן פון תנך און איז אים צוגעשיקט געוואָרן צום פאַרעפנטלעכן פון אַ ביבליאָטעק אין... פומבדיתא.

די סאָציאַלע אַנגעלאָדנקייט, אַן אַנגעזעטיקטע מיט ביבלישער זשאַנר־שטייגערישקייט, האָט גאָרנישט צו טאָן מיט די משכילישע מליצות פון אַ י. ל. גאָרדאָן. לויט דעם צאָרן פון די פאָרמולירונגען, לויט דער אָרגאַנישקייט פון דער געמאָסטענער, פסוקים־שורה, לויט דעם ריטם, לייענען זיך טאַקע די געשליפענע שורות ווי אָריגינעלע זאַצן פון תנך. דאָס באַווייזט אויך, אַז ווינטשעווסקי האָט שוין דעמאָלט בחוש דער־פילט די ברייטע פערספּעקטיוון פאַר די אומפאַרמיידלעכע קלאַסן־שלאַכטן, וואָס וועלן זיך שפּעטער צעוויקלען אויף דער יידישער גאַס. און דערווייל

האָט ער גענערט זיינע דיכטערישע זעאונג און וויזיעס דורך די קאָמפּאָזיציע פון די נביאים, וואָס האָבן אויסגעדריקט די גרונט־אידעען פון פּאַרציייטיקן קלאַסן־קאַמף, און וועלן אויף שטענדיק בלייבן מוסטערן פון באַגייסטערטע רופן צו באַקעמפן סאָציאַלע קאָרופּציע און פאַרדאַר־בונג. דערצו האָט אַ סך מיטגעהאָלפן ווינטשעווסקיס טאַלאַנט פאַר פּאַראָדיע.

אָט איז אַ מוסטער פון זיינע פּאַראָדיעס אויף גמרא און משניות:

„די דאָזיקע זאַכן האָבן ניט קיין שיעור: רייכקייט, אָרעמקייט, קנעכטשאַפט און פאַנאַטיזם — די קנעכטשאַפט איז די טאָכטער פון אָרעמקייט, די אָרעמקייט איז די טאָכטער פון עשירות, די עשירות שטאַמט פון רויבעריי און דער אַבערגלויבן האַלט זיי אַלעמען אויף. יעדע נייע מאַשין פאַרקלענערט די צאָל מייסטערס און פאַרמערט די צאָל שקלאַפן; נעמט פון די קליינע און גיט אַוועק די גרויסע. וואָס מער פאַבריקן, אַלץ מער הונגעריקע און רייכע, דאָס הייסט: הונגעריקע דורך די רייכע און רייכע פון דעם חורבן פון די הונגעריקע".

און אָט איז אַ שטיקל „גמרא", וואָס מען דאַרף לייענען מיט דעם באַקאַנטן גמרא־ניגון. עס איז מאַרקס' מערוועררט־טעאָריע:

„זאָגט די גמרא: צוויי מענטשן רייסן זיך אַרום אַ קלייד. איינער זאָגט, זי איז אינגאַנצן מיינע. דער צווייטער זאָגט, זי איז אינגאַנצן מיינע. זאָגן די חכמים: זאָלן זיי זיך צעטיילן:

„אין דער משנה, רבותי, רעדט מען וועגן אַ געפונענע קלייד; אין לעבן אָבער זעען מיר אַן אַנדער סאָרט סכסוך (קאָנפליקט); צוויי מענטשן האַלטן אַ קלייד. איינער טענהט: זי איז אינגאַנצן מיינע, דער אַנדערער טענהט דאָס זעלבע. איינער זאָגט: ס'קלייד איז מיינס, ווייל איך האָב פאַר דעם וועבער און שניידער (פונעם קלייד) געטאָן אַן אַנדער אַרבעט, איך האָב פאַר אים געניייט שיך, דערפאַר וואָס ער האָט מיר אויפגענייט דעם בגד. דער אַנדערער אָבער זאָגט, דאָס קלייד איז מיינס, ווייל איך באַזיץ די פּרוכט פון אַרבעט, דאָס געלט, און דערפאַר קאָן איך טראָגן ס'קלייד — הגם איך האָב אַליין ניט אויפגענייט דעם מלבוש, און ניט געטאָן קיין זאַך לטובת דעם וועבער און דעם שניידער.

„איז די קשיא ווי פסקנט מען דאָ? — „תיקו" — בלייבט אַ קשיא". (אסיפת חכמים, קעניגסבערג, נומער 4־1, סעפּטעמבער־דעצעמבער 1877).

ווינטשעווסקי אַליין דערציילט, אַז די דאָזיקע פּאַראָדיעס זיינען געווען אַ „סאָרט האַלענדער קעז פאַר די קאָנטראַבאַנדע־דימענטן", די סאָציאַליסטישע אידעען, וועלכע ער האָט געזוכט אַריינצושמוגלען אין רוסלאַנד. די דאָזיקע פּאַראָדיע־פאָרם האָט אָבער אויסגענומען ביי דער ראַדיקאַלער משכילישער אינטעליגענץ אין איר איבערגאַנג צום פאָלקיזם און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און שפּעטער אַפילו פאַר דער יידישער אַרבעטאָרישער לייענער־מאַסע, וועלכע האָט דערשפּירט אַז דאָ האָט זיך באַוויזן אַ משכיל, וואָס איז אַנדערש. דאָס וועלן קיינמאָל ניט פאַרשטיין יענע יידישיסטישע קליינבירגערלעכע און עסטעטישע קריטיקער, וואָס ריידן וועגן ווינטשעווסקיס „משכילישע שטיק און שטיקלעך", און „משכילישע מוח־התפעלות", וואָס האָט גאַרניט צו טאָן מיט ליריק.

אין זיינע ברייט־פּערזיקע מיט ביבלישן אָטעם־געשריבענע העברעאישע לידער און פעליעטאָנען פון די זיבעציקער יאָרן, און די יידישע שמאָלפּערזיקע לידער פון די אַכציקער און ניינציקער יאָרן אין לאָנדאָן, איז ער געווען אַ ליריקער דורך און דורך. אין זיין ליריק איז אָבער פאַראַן אַ סך פון רעטשיטאַטיווע, און דאָס איז דער איינפלוס פון דער פּאָעזיע פון די נביאים.

אין זיין דיכטונג האָט זיך צונויפגעשמאָלצן אין אַ איינס דער גליַיך־נביאישער ביבלישער אָטעם מיט דער טיפער השפעה פון ניעקראַסאָווס פאָלקישקייט. זיינע געפליגלטע געדאַנקען, מיט וועלכע ער איז אַריין אין דער ליטעראַטור, האָבן זיך דעריבער אויסגעשמאָלצן און ליריש געלייטערט געוואָרן אין זיין דיכטערישן פורעם און זיך אויסגעגאָסן אין רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון פון צער און צאָרן, אויף וועלכע עס הויכט אַן אָטעם פון ביבלישער דורותדיקייט.

דווקא דער העברעאישער דיכטער, וואָס האָט זיך געהברט מיט די משכילים, וועלכע האָבן געשריבן יידיש נאָך אין די זעכציקער יאָרן (ווי צום ביישפּיל מיכל גאָרדאָן און י. לינעצקי און „קול מבשר") — האָט דערגרייכט, וואָס יענע האָבן ניט דערגרייכט.

צוזאַמען מיט דער קליינער גרופּע רעוואָלוציאָנערע העברעאישע דיכטער יצחק קאַמינער, יהודה־לייב לעווין (יהלל), שערעשעווסקי, וועלכע

זיינען שפעטער צוריקגעטראָטן צו די בירגערלעכע נאַציאָנאַליסטישע פּאָזיציעס, האָט זיך בן־נץ ווינטשעווסקי געריסן צום נייעם וואָרט, צו נייע זשאַנרען.

איך האָב דאָ אין זינען ווינטשעווסקיס קער צו דער פּאָעטישער, הומאָריסטיש־פּובליציסטישער מיניאַטור, צו דער טאָג־סאַטירע און צום קאַמפּס־רוף.

און מערקווירדיק ווי דער משכיל, וואָס איז געווען אַנדערש, האָט אַפילו יאָרן שפּעטער, ווען ער איז שוין לאַנג אנערקענט געוואָרן ווי דער פּראָלעטאַרישער דיכטער פון „די מאַסן אין די גאַסן" זיך אומגע־קערט צו העברעאיש, וואָס האָט אָנגעהויבן אויפלעבן צווישן די אַרבעטער פון פּאַלעסטינע (ישראל). (זיינע העברעאישע אַרבעטן אין „האחדות", 1912).

אָט איז זיין איבערגעדיכטעטער מוסטער פון זיין באַרימט ליד „דער פרייהייטס־גייסט", וואָס ער, דער „משוגענער פילאָזאָף" האָט, ווי ער דערציילט אין זיינער אַ „משוגעת", געהערט זינגען „אַ זיסע מעלאָ־דישע שטים". אָט איז דאָס גלענצנדיק־ריטמישע מאַסאָווע ליד אין איר שטרענגן העראָאישן קאָלאָריט, אין איר קאָנדענסירטער דינאַמיק, אין איר געזאַנג־איינשטעלונג, אין יידיש און העברעאיש:

„אין די גאַסן, צו די מאַסן
פון געדריקטע פעלקער, ראַסן,
רופט דער פרייהייטס־גייסט:
איך ברענג וואָפן פאַר דעם שלאָפן,
איך באַפריי די אַרבעטס־שקלאַפן
און איך מאַך זיי דרייסט.

— — — — — — — — — — —

פרייד און שטרעבן — קום איך געבן,
לעבנסלוסט און לוסט אין לעבן
אַלעמען צו גלייך;
מענטשן־קינדער — זאָל ווי רינדער

נים מער אומברענגען אַ גרינדער
פון אַ מערדער־רייך.

איך קום די פרויען — אַנפּאַרטרויען
יעדעס רעכט צו העלפן בויען;
איך קום מעלדן — יענע העלדן,
וועלכע שמאַכטן אין די קעלטן
פון סיביר אַצינד. — — —

(דאָס ליד איז געשריבן אין 1890, מ. ווינטשעווסקי, לידער און געדיכטע, ניו יאָרק, 1910).

די זעלבע פּאָעטישע פּאַראַלעל, די רינג־קאָמפּאָזיציע, די איבערחזרונג אין העברעאיש מיט דרייסיק יאָר שפּעטער. דאָס ליד „קול הדרור":

„לכל הדרים בין המצרים
לאסרי עוני בכל הערים
יקרא קול הדרור: —

אליכם חשתי, עוז לבשתי
לכם הראיתי חרבי, קשתי
ליושבי חושך — אור!

אור לחשכים בין העשוקים,
— — — — — — — — — — — —

מותרות נתקתי, עול פרקתי
לב הפועל אני חזקתי
איש לא ישא עול!

אין עוד בת־חוה, כלי התאוה
לא עוד נתתי, ולב בה שתי
לב שואף חרות ובו הצתי
זיק שלהבת יה.

בחרב שלופה, למלחמת תנופה
להתיר אסורים, מבני הנעורים

הזקנים בקרחי סיבירה קבורים
לכלם אקרא דרור.

(התורן, ניו יאָרק, אדר, תר״ף, 1920)

אין סך־הכל לאָזט זיך זאָגן, אַז ווינטשעווסקי איז אין זיין העברע־אישן בראשית, אין דער פּראָזע ווי אין דער פּאָעזיע, געווען אַ דיכטער פון נייעם אַנגרייפנדיקן שיכט אין יידישן לעבן. זיין פּאָעטישער אויס־דרוק האָט דורכגעמאַכט אַ גראַדליניקן וועג. ער איז פון אָנהויב אָן געווען שאַרף, אַפּאָריסטיש און אַלעגאָריש. ער האָט געזוכט אַן אויסדרוק אויך אין פּראָזע און אין דראַמע, הגם ניט שטענדיק אויף דער זעלבער קינסט־לערישער הויך. זיין סטיכיע איז פאַרבליבן דיכטונג און אין אַלע זיינע מאָטיוון, פון זיין אָנהייב ביז דער לאָנדאָנער שפּאָכע און ניו יאָרקער „סוועט־שאָפּ״, ביז דער רעוואָלוציע שטייט אין צענטער די גרויסע געשעעניש און דער מענטש, אין זיין שפּירונג פון דער געשעעניש, פון דעם היסטאָרישן ריטם.

ווינטשעווסקיס העברעאישע ירושה גייט אַריין אין גאָלדענעם פאָנד פון דער יידישער אַרבעטער־ליטעראַטור. זיין העברעאישע פּאָעזיע און סאַטירע האָט זיך געלייגט אין פונדאַמענט פון דער פּראָלעטאַרישער לי־טעראַטור.

טרוימען און קאַמפן

„ליבער ברודער, זע אין חלום
און פאַרשטיי אויף וואָר״.
(דער משוגענער פילאָזאָף)

אין מאָריס ווינטשעווסקיס פּאָעזיע און פובליציסטיק איז „קאַמף״ אָן ספק דאָס וויכטיקסטע וואָרט, אַ וואָרט וואָס איז אַ מין שליסל צו די ווינקלען פון זיין נשמה און זיין וועלט. אין די 48 שורות פון „עס רירט זיך״, געשריבן אין טאָג ווען עס איז אָנגעקומען די נייעס וועגן היסטאָ־רישן היי־מאַרקעט־מיטינג אין שיקאַגאָ (1886), געפינען מיר דאָס וואָרט „קאַמף״ ניט ווייניקער ווי זעקס מאָל. אַ חוץ „צום קאַמף געשווינדער״, „צום קאַמף מיט דעם טיראַן״ אין דעם ליד, זיינען אין אַן ערך פופציק

אַנדערע לידער דערמאָנט „קאַמף". „אַט דער קאַמף, דער לעצטער, גרעסטער", „די קאַמפּס־לוסט בלייבט מיר איבער", „צו קעמפן פאַר וואָרהייט", „פאַרהילכן מיין קאַמף־רוף", „אַ דאָפּלטן קאַמף און אַ לאַנגן" אאַז"וו. דאָס כסדרדיקע רופן און אויסרופן: קאַמף, קאַמף, קאַמף! אין ריטם פון אַ מין דריי־פאַכער קדושה „הייליק, הייליק, הייליק!"

דאַרף מען זיך קלאָר מאַכן, וואָס איז דער עצם קוואַל פון דעם קאַמפּס־רוף, פון דער קאַמפּס־גרייטקייט, וואָס איז ביים זיידן אַזאַ אָרגאַנישער וואָרט, אַ הייליקע מעטאַפאָרע.

אַן אָביעקטיווער אַנאַליז פון דעם זיידנס רעאַליסטיש ראָמאַנטישן וועג אין דער פּאָעזיע, פון דעם וואָס מען באַצייכנט ווי אַקטיווער ראָמאַנטיזם, מוז פירן צו דער מסקנה, אַז דאָס וואָרט „קאַמף" האָט ביי ווינטשעווסקין אַ דירעקטע שייכות צו יענער רעאַלער שטרעבונג צו זיין דער וועקער פון די שקלאַפן און דער רופער צום גרויסן טאַט פון העלדישקייט פאַר דער „זאַך", ס'איז ביי אים אייגנטלעך אַ סינאָנים מיט העלדישקייט. קאַמף איז דאָס וואָס פאַרוואַנדלט דעם שקלאַף אין אַ העלד און מאַכט אים צו טרוימען אין דער וואַכעדיקער וואָר.

נאָך דער דאָזיקער באַמערקונג קען מען שוין וואַרפן אַ בליק אויף דעם דיכטערס ראָמאַנטישן אַקטיוויזם אָדער אַקטיוון ראָמאַנטיזם. ביי ווינטשעווסקין האָבן זיך צונויפגעוועבט די פאַרצייטיקע נביאישע פּאָעזיע מיט איר דונער און צאָרן מיט דער פאָלקיסטישער רוסישער פּאָעזיע פון איין זייט, און פון דער אַנדערער מיט דער בייראָנישער ראָמאַנטיק און די ענגלישע און דייטשע סאָציאַלע דיכטער (הוד, פרייליגראַט, הערוועג, מאָריס). בדרך כלל זיינען דאָס די דריי קוואַלן, וואָס פון זיי האָט געשטראָמט זיין פּאָעזיע אין לאָנדאָנער פּעריאָד. ערשט דאָרטן, אין די באַדינגונגען פון דער אָרעמקייט, פּראָלעטאַרישן עלנט און „טוכלען שאַפּ" האָט ווינטשעווסקי שאַרף באַגריפן, אַז עס איז ניט גענוג צו וועלן בלויז זיגגען וועגן העלדישקייט און ער האָט זיין נביאישע באַפליגלטקייט באַהאַפטן מיט דער רעאַלער נויט. דער ליריקער האָט אויפגעהויבן די פאָן פון טריבון צו דערוועקן דעם „אָרעמען פאָלק" צו דער גרויסער אַקטיווער טאַט.

ווינטשעווסקין האָט גלייך ביי זיינע ערשטע טריט געצויגן צו העראָאיק. אים האָט צוגעצויגן דאָס גרויסע און הערלעכע פונעם פּראָלעטאַרישן קאַמף, ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם לעגענדאַרישן און

ראָמאַנטישן, וואָס די אַרבעטער־שטרייטן אַנטהאַלטן אין זיך, דער קאַמף וואָס אָט־אָט שאַפט ער זיך אין אונדזערע טעג, ווי אַ שיינע און הערלעכע לעגענדע.

„מיט די פליגלען פון אָדלער, צו טאָן זיך אַ הויב
אויף אַ באַרג, וועלכן וואָלקנס באַדעקן;
מיט דער מעכטיקער שטים פון אַ צאָרנדיקן לייב,
וואָס דערפילט אָפט די וועלדער מיט שרעקן —

וואָלט איך הויך אויפן באַרג זיך דערלאַנגען אַ שוואונג
און צו אייך, פּראָלעטאַריער, שרייען:
הייבט זיך אויף אונטערדריקטע, שטייט אויף אַלט און יונג,
ס'איז צייט אַז איר זאָלט זיך באַפרייען".

מאָריס ווינטשעווסקיס אַריינטריט אין דער יידישער אַרבעטער־ליטעראַטור האָט פון אָנהויב אָן פאַרמאָגט די עלעמענטן: אַנגעלאָדנקייט מיט ליבע צום פּראָלעטאַריאַט, זיין שנאה צום הערשנדיקן קלאַס, די קאָנקרעטקייט פון זיין סאָציאַל ליד, דעם „פּלאַן" אין דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, וואָס האָט געדינט פאַרן מאָטיוו פון זיין פּאָעזיע. טאַקע אָט דער „פּלאַן", אָט די ציל־באַוואוסטקייט, האָט געהאָלפן, אַז דער עלעמענט פון טרוים, זאָל אַריינגיין ווי אַ נייער עלעמענט אין זיין קינסטלערישער אַנטוויקלונג. דאָס איז פון אָנהויב אָן געווען יענער טרוים, וואָס שרעקט זיך ניט פאַרן האַרטן בייזן און טונקעלן עלנט און איז קעגן יענע, וואָס האָבן געזוכט העלדישקייט אויסער דער קאָנקרעטערווירקלעכקייט און אינעם רעאַלן לעבן.

ווען ווינטשעווסקי האָט דורכגעלייענט אין דער ניו־יאָרקער „אַרבעטער־צייטונג" פון 28טן דעצעמבער 1894 י. ל. פּרצעס אַ הומאָרעסק־ליד „אויסגעשטאָרבן", האָט ער גלייך אָנגעשריבן אַן ענטפער אין דעם זעלביקן ריטם.

פּרץ האָט זיך אין יענעם ליד באַקלאָגט, אַז אים פעלט אַ העלד:

„אפשר ווייסט איר, בני רחמנים,
וואו איך קריג אַ העלד אַ פיינעם?
כ'האָב געשריבן אין גאַזעטן
און איך האָב געפרעגט ביי שכנים."

ווינטשעווסקי האָט געשריבן: „דאָס ליד האָט מיך אויפגערעגט קודם־כל דערמיט, וואָס איך האָב דאָס געהאַלטן פאַר אַ רעאַקציאָנערן שטאַנדפּונקט. און דער שטאַנדפּונקט, וואָס איך האָב אַרויסגעבראַכט אין מיין ענטפער, איז געווען, אַז העלדישקייט קאָן ניט זיין אויסגעשטאַרבן, נאָר פאַרקערט, געשטיגן און אויסגעוואַקסן, ווען מע באַרעכנט, וויפיל מוט, וויפיל אחדות, וויפיל מסירות־נפש דער אַרבעטער־קלאַס אַליין ווייזט אַרויס כמעט טאָג־טעגלעך (זע געזאַמלטע ווערק, אונטער דער רעדאַקציע פון קלמן מרמר, באַנד 7, 199־202).

אין זיין ליד „זיי לעבן נאָך“, געדרוקט מיט אַ וואָך שפּעטער נאָך פּרצעס ליד, זאָגט דער „זיידע“:

„דו באַקלאָגסט זיך, אַז פאַרדאַרבן
איז לחלוטין היינט די וועלט
און אַז ער איז שוין אויסגעשטאַרבן
גאָר אינגאַנצן יענער העלד?“

אין זיין ענטפער פירט ווינטשעווסקי אויס —

„דאָ וועסטו געפינען מאַסן
העלדן צווישן אַרבעטס־לייט,
וועלכע אָפּפערן געלאַסן
לייב און לעבן אין דעם שטרייט.

און דו וועסט ניט בעטן שכנים,
אָדער מענטשן אויפן גאַס,
דיר אַ העלד צו געבן איינעם,
ווען דו האָסט אַ גאַנצן קלאַס.

און דיין שיינע קלוגע מוזע
וואָלט געפונען אויפן פעלד
אין אַ פּראָלעטאַריער בלוזע,
אין דעם פאָלק אַ וואָרן העלד“.

אָט ווי דער זיידע האָט גלייך ביים אָנהויב פון זיין שאַפן, אין דער לאָנדאָנער עפּאָכע, געפורעמט זיין ליד „צו די קלוגע“:

„איך מיינט אַז אַ מענטש איז ניט ניכטער,
וואָס גלויבט אין אַ בעסערע צייט;

איך רופט מיך אַ טרוימער, אַ דיכטער,
איר קלוגע, איר פּראַקטישע לייט.

איך וויל אַרום דעם היינט ניט שטרייטן,
לאָז זיין איך בין טאַקע באַרוישט, —
מיט אייך וואָלט איך פאָרט זיך ניט בייטן,
וואָלט שכרות אויף גאָלד ניט פאַרטוישט.

איר מעגט זיך אייך שווינדלען און רויבן...
אויב פינצטער פאַרבלייבט, ווי איר זאָגט,
און איך וועל באַרוישט זיין אין גלויבן,
און טראַכטן אין טרוים אַז עס טאָגט".

עס זיינען ניטאָ קיין באַווייזן צי ווינטשעווסקי איז געווען גענוי באַקאַנט מיט אַלע שריפטן פון באַקאַנטן נאַראָדנישן ליטעראַטור־קריטי־קער פיסאַריעוו. אַז ווינטשעווסקין איז געווען אייגן פיסאַריעוו, ווייסן מיר פון זיינעם אַ העברעאישן אַרטיקל. ניט באַוואוסטזיניק האָט אָבער ווינטשעווסקי מיט דעם דערמאָנטן ליד באַשטעטיקט פיסאַריעווס אַ גע־דאַנק וועלכן לענין האָט ציטירט אין זיין באַרימטן זאָג „מיר דאַרפן טרוימען".

באַהאַנדלענדיק דעם פּראָבלעם פון טרוים און ווירקלעכקייט האָט לענין ציטירט פיסאַריעוון:

„מיין פאַנטאַזיע קען איבעריאָגן דעם נאַטירלעכן גאַנג פון גע־שעענישן אָדער זי קען אַוועקגיין פולשטענדיק אין אַ זייט אַהין, וואוהין קיין שום נאַטירלעכער גאַנג פון געשעענישן קאָן קיינמאָל ניט קומען. אין ערשטן פאַל ברענגט די פאַנטאַזיע קיין שום שאָדן נישט; זי קען אַפילו אונטערהאַלטן און פאַרשטאַרקן די ענערגיע פון אַרבעטנדיקן מענטשן... ווען דער מענטש וואָלט אינגאַנצן נישט פאַרמאָגט די פעאי־קייט צו פאַנטאַזירן אויף אַזאַ אופן, ווען ער וואָלט נישט פון צייט צו צייט געקאָנט פאַרלויפן פאָרויס און דערזען אין זיין פאַרשטעלונג אין אַ גאַנץ און פאַרענדיקט בילד דאָס זעלבע ווערק, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אָנ־געהויבן שאַפן אין זיינע הענט — דעמאָלט קאָן איך מיר אַבסאָלוט נישט פאַרשטעלן וועלכע אָנרעגנדיקע סיבה וואָלט געצוואונגען דעם מענטש אונטערצונעמען גרויסע אַרבעטן אויף דעם געביט פון קונסט, וויסנשאַפט און פּראַקטיש לעבן..."

הייסט עס אַז מיטן חלום קאָן מען „דערגאַנצן דיווירקלעכקייטן", דערזען אַלס גאַנצקייט דאָס וואָס דער שעפערישער מענטש הייבט אָן צו שאַפן און פאַרוואָס דער אַרבעטס־מענטש קעמפט. דאָס טרוימערישע, דאָס פאַנטאַזירנדיקע, אויב עס איז ניט אָפגעריסן פון דער ווירקלעכ־קייט, אויב עס קעמפט, קאָן פאַרויסלויפן די ווירקלעכקייט, „טראַכטן אין טרוים אַז עס טאָגט".

נאָך בולטער טרעט אַרויס דער עלעמענט פון טרוים, דער אַקטיווער ראָמאַנטיזם, אין ווינטשעווסקיס אַ שפּעטערדיק ליד „מיין איינציקער פאַר־לאַנג" (געווידמעט זיין פריינט יעקב גאָרדין):

„מיט גלוסט צו שמידן כלי־זין
דעם גייסט, דעם ווילן צו באַפרייען,
און מיר אין טרוים צו ווייזן די וועלט קלאָר
וואָס יענער דור וועט האָבן אויפן וואָר
אַ וועלט באַזעצט מיט פריינט און ברידער
מיט מענטשנליבע פאַר איר פונדאַמענט;
אַ גוף וואו פעלקער זיינען גלידער,
קיין גליד דעם צווייטן ניט צוואווידער,
וואו גלייכהייט האַלט צוזאַמען פרייהייטס־ווענט
מיט ליבע איר איינציקן צעמענט".

דאָ שאַפט זיך יענע רעאַלע פאַנטאַסטיק, דער טרוים וואָס איז שפּעטער אויסגעפאַלן מיט דער רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק וואָס דער זיידע האָט אין זיינע שקיעה־יאָרן נאָך דערלעבט צו זען. ווען ער האָט, לויט די רייד פון זיין חבר און פאַרערער קלמן מרמר, „דערזען אויפן וואָר, וואָס ער האָט געוואונטשן צו זען אין חלום, דאָס וואָס גאָר ווייניקע פיאָנערן פון סאָציאַליזם האָבן זוכה געווען — זיין לעבנס־אידעאַל פאַר־ווירקלעכט אויף אַ זעקסטל פון דער ערד" (קלמן מרמר, מאָריס ווינ־טשעווסקי, זז. 266).

ביי ווינטשעווסקין איז דיכטונג נישט געווען קיין זאַך פון קינסט־לערישער אויספאַרמירונג פון שיינער, טאַלאַנטפולער מלאכה. ביי ווינ־טשעווסקין איז אָנשרייבן אַ ליד געווען אַ מין קאַטעגאָרישער אימפּעראַ־טיוו פון זיין סאָציאַלן געוויסן און ניט סתם אַ ליידנשאַפט־אויסלאָדונג, דערפאַר האָט ער געוואוסט דעם סוד פון האַרמאָניע צווישן ראָמאַנטישן

און רעאַלן, צווישן טרוים און וואָר, האָט ער געוואוסט ווי סאָציאַל־רעאַ־ליזירן זיינע טרוימען און באַגערן. זיינע רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון מיט וועלכע ער איז אַריין אין דער ליטעראַטור, זיינען אַזוי אַרום געווען דורכגענומען מיט אינערלעכן פּאַטאָס און מיט אַן אָטעם פון דורותדיקן קאַמף פאַר סאָציאַלן יושר, פאַר שלום, פאַר אַ גליקלעכער, אידעאַלער וועלט.

דער שטורמישער וואוקס פון סאָציאַליסטישן בויען אויף אַ זעקסטל פון דער ערד האָט דעם ייִדן, ווי באַוואוסט, אַ שטויס געטאָן פאָרויס, מיטגעריסן, אָפּגעטונקט אין די דערקוויקנדיקע כוואַליעס פון נייעם טאָט, נייעם שפּאַן און אויפגעהויבן אים אויף אַ נייעם, אַ העכערן שטאַפּל.

זיין לעצט ליד, וואָס איז אויסגעפאַלן אין לעצטן פּעריאָד פון זיידנס פּראָכטבאַרן שאַפן, ניט בלויז אויפן געביט פון ליריק, נאָר אויך אויפן געביט פון פּובליציסטיק, פעליעטאָן און דראַמע — דאָס איז דער עטאַפּ פון ווינטשעווסקיס באַוואוסטזייניקן אָנשלוס אין דעם אַוואַנגאַרד פונעם אַרבעטער־קלאַס.

אין יענעם ליד האָט ער איבערראַשט מיט זיין אָריגינעלן נייעם גראַם און האָט פאַרשטייפט זיין דיכטערישע סטראָפע, אַז מען קאָן פון איר קיין זילב ניט אַרויסוואַרפן. אַזוי קלאָר און ריטמיש קלינגען זיי די שורות, וואָס בלייבן אויף אייביק אין דער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע:

זינג־זאַנג, קלינג־קלאַנג —
הערט, קינדער, איך זינג
אייך אַ ליד מיט אַ קלאַנג;
זינג אַ נייעם געזאַנג
פאַרן קלאַנג פון אַ קלינג.

— — — — — — — — — — — — —

איצט הערט, ליבע קינדער,
אַ ניגון אַ נייעם,
אַ ליד פאַרן גרינדער
פונעם לעבן דעם פרייען,
אַ שיר פאַרן פלאַנצער
פון אַ נייעם „עץ חיים",
אַ למנצח־געזאַנג

פאַרן קלינג מיט זיין קלאַנג
— — — — — — — — — — — —

זינג־זאַנג, קלינג־קלאַנג!
זאָל לעבן דאָס לעבן,
באַגלייט פון געזאַנג;
זאָל לעבן דאָס שטרעבן
מיט ליבע, מיט לוסט;
זאָל לעבן און געבן
די פרייד אין דער ברוסט,
אין אויגן דאָס ליכט,
די פאַרב אין געזיכט,
די קראַפט אין דער האַנט,
צו בויען דאָס לעבן
מיט קונסט, מיט פאַרשטאַנד,
צו מאַכן די וועלט
פאַר אַ פרייהייטס־געצעלט
פאַר איין־איינציקן ראַטנפאַרבד".

איינפלוסן און ווירקונגען

„אַפילו דער אָריגינעלסטער קינסטלער לערנט ביי יענע וועלכע העלפן אים זיך אַליין צו אַנטפּלעקן. אונדזער פּאָעזיע איז ניט רייף געוואָרן און איז ניט אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסן דערציאונגס־פאַקטאָר אין אונדזער לעבן, כל זמן זי איז ניט געקומען אין באַרירונג מיט דער רוסישער ליטעראַטור. ביאַליק, דער אַממיינסטנס אָריגינעלער יידישער דיכטער, וואָלט ניט דערגרייכט זיין אייגענע דערקענטעניש, ווען ער וואָלט ניט געקומען אין באַרירונג מיט די צוויי רוסישע טיטאַנען — דאָסטאָיעווסקי און טאָלסטאָי".

אין די דאָזיקע שורות האָט דער העברעאיש־יידישער דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער יעקב פיכמאַן פאַרצייכנט די גרונט־השפעה פון דער אַלגעמיינער — ניט דווקא רוסישער — ליטעראַטור אויפן יידישן שאַפן אין ביידע שפּראַכן.

אַז ווינטשעווסקי האָט זיך פון אַנהויב אָן געפונען אונטערן איינפלוס

פון די דייטשישע און ענגלישע סאָציאַלע דיכטער, פרייליגראַט, הערוועג, טאָמאַס הוד און וויליאַם מאָרריס, איז גענוג באַקאַנט. מען דאַרף אָבער אין זינען האָבן, אַז ווינטשעווסקי האָט די דאַזיקע פּאָעזיע „פּאַראַייניקט".

אין דער מאַרקסיסטישער קלאַסיק פאַרנעמט טאָמאַס הוד אַ חשובן פּלאַץ. „דער טאַלאַנטירטסטער פון די ענגלישע דיכטער־הומאָריסטן. זיין „ליד פון העמד" (געדרוקט אין 1844), וואָס האָט אַרויסגעצאַפּט אַזוי פיל טרערן פון די אויגן ביי די טעכטער פון דער בורזשואַזיע, איז ברייט באַקאַנט. דאָס ליד איז דיסקוטירט געוואָרן אין די ברייטע קרייזן, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט די באַדינגונגען פון דער נייטאָרין. אויסצוגן זיינען איבעריק". אַזוי האָט פרידריך ענגעלס געשריבן אין זיין קלאַסיש יוגנט־ווערק „די לאַגע פון אַרבעטער־קלאַס אין ענגלאַנד" (1844).

אַ פאַרגלייך אָבער פון ווינטשעווסקיס איבערדיכטונג פון הודס ליד און אַן איינפאַכע איבערזעצונג פון „ליד פון העמד" ווייזט אויף דעם אונטערשייד אין ריטם און אין בילד:

הוד הייבט אָן זיין ליד:

„די געשוואָלענע פינגער טוען וויי,
ווייַ טויט די ברעמס אויף פאַרלאָפענעם אויג.
אַן אָרעמע נייטאָרין זיצט ביים גניי,
דעם קאָפּ איבער נאָדל אַראָפּגעבויגט".

ביי ווינטשעווסקין איז די שורה ברייטער און דאָס בילד אַנדערש:

„מיט מאָגערע פינגער, דאַר און אויסגעדרייט
מיט אויגן וואָס זיינען פון אַרבעט שוין בלינד
אַ ווייבעלע זיצט זיך, אין לומפּן געקליידט
און וואַרפט מיטן נאָדל און פאָדעם געשווינד".

אַז מען פאַרגלייכט נאָך אַ בילד אין דעם ליד זעט מען נאָך אַן איינ־פלוס־צוגאָב פון ווינטשעווסקין. ביי הודן:

„אַרבעט! אַרבעט! אַרבעט!
ווי נאָר דער האָן ווערט וואַך!
זינגט זי אַ קלאָגעוודיק־ביטערע ליד,
זינגט די ליד וועגן העמד".

ביי ווינטשעווסקין:

„איך ניי — ניי — ניי!
נאָך איידער דאָס קרייען פון האָן איז צו הערן!
און ניי! אָבער ניי — ווידער ניי!
ביז איך זע דורך די לעכער אין דאַך שוין די שטערן".

דאָ שפּירט זיך שוין אָן ספק די השפּעה פון מיטלאַלטערלעכן פּאָעט, אברהם איבן עזרא: „דורך מיין צעלעכערטן מאַנטל זע איך די שטערן". קיין וואונדער איז עס ניט. אין דעם זיידנס פּאָעזיע איז קיינמאָל ניט געווען קיין מחיצה צווישן וואָרט־געדאַנק און וואָרט־בילד. זיין ליד איז דאָך באַגלייט אויך פון יידישער היסטאָרישקייט. די שפּראַך און די קאָנסטרוקציע פון זיין „ליד פון העמד" איז דעריבער אַנדערש ווי ביים אָריגינעלן פּאַרפאַסער.

ניט בלויז הוד און פריילינגראַט נאָר אויך היינע האָבן ווינטשעווסקין געהאָלפן זיך אַליין „דיכטעריש אַנטפּלעקן".

אַפילו די געבענטשטע ווירקונג פון היינען האָט ווינטשעווסקי גאָר אַנדערש אָנגענומען. היינען האָט, ווי באַוואוסט, די יידישע נאַציאָנאַליסטישע קריטיק באַטראַכט כמעט ווי איר נאַציאָנאַלן דיכטער פאַר די סענטימענטאַלע אייגנשאַפטן פון געוויסע טיילן ליריק זיינער. ביי אַ גאַנצער ריי יידישע בירגערלעכע פּאָעטן האָט היינעס ווירקונג זיך אָפּגערופן מיט לירישן סענטימענטאַליזם. ווינטשעווסקי האָט זיך געלערנט ביי היינען קאָמפּלוסטיקייט, באַהערשן די בייטש פון סאַטירע.

„אויסנוצנדיק מאַקסימאַל היינעס ווירקונג אינעם סאַטירישן זשאַנר" — זאָגט א. קושניראָוו — „שאַפט ווינטשעווסקי זעלבסטשטענדיקע מוסטערן פון סאַטירישע לידער, אַפילו דעמאָלט, ווען ער האָט צו טאָן מיט אַ טעמע, וואָס איז שוין באַרירט פון היינען" („פּראַליט.", 1932).

ווי אַ ביישפּיל ברענגט טאַקע קושניראָוו אַ באַרימט ליד פון היינען וועגן צוויי אומגליקלעכע נפשות, וואָס ווערן פאַרפרוירן ערגעץ אויף אַ בוידעם אין אַ פראָסטיקער ווינטער־נאַכט. ווען דער דאָקטאָר קומט קאָנסטאַטירט ער די סיבה פון זייער טויט: די אורזאַך: קעלט און דער הונגער. ער מאַכט דערביי זיין אויספיר, אַז ווי נאָר עס קומט ווינטער מוזן זיך מענטשן באַזאָרגן מיט אַ וואָרעמער וואוינונג און מיט זאַטע שפּייז.

ווינטשעווסקיס ליד „די פּאַרפּרוירענע" איז ענלעך לויט דער טעמע צו היינעס. ביי אים זיינען די אומגליקלעכע נפשות ניט סתם קיין טראַגישע, נאָר קרבנות פון דער סיסטעם.

בלאָנדזשענדיק בייגן זיך זייערע קני,
זיי בעטן קיין וועג זיך ניט ווייזן:
דעם וועג צו פאַרדינען געפינען זיי ניט,
דעם וועג — ניט צו קליידער און שפּייזן"

אַ באַזונדערע טעמע אין ווינטשעווסקיס שאַפן איז די קאָנטיקע השפּעה פון די דייטשישע סאָציאַלע און רעוואָלוציאָנערע דיכטער פריי־ליגראַט און הערוועג. זיינע לידער מיט זייערע אייגנאַרטיקע 9־שורות־דיקע סטראָפעס זיינען געבויט לויט הערוועגס באַרימט פאָלקס־ליד „און דו אַקערסט און דו זייסט". ווי ביי הערוועגן, ווערט ווינטשעווסקי באַצייכנט ווי „דעם מאַן, וואָס האָט אונדז געשענקט דעם וועלט־באַרימטן פערד", איז ביי אים אויך דער לאָקאַלער קאָלאָריט, די טעכניק פונעם פערז, אויפגעהויבן אויף אַ גרויסער הויך, נאָר מיט אַן אייגנאַרטיקער דיכטערישער פאָרמולירונג.

„וואָס טרייבן די רעדער פון אַלע מאַשינען,
וואָס אַקערן, בויען, זייען און באַקן די ברויט,
און קענען פונדעסטוועגן ברויט ניט געפינען,

— — — — — — — — — — — — —

וואָס זעגן און הובלען און שניצן טאָג־טעגלעך
און לעבן פונדעסטוועגן אָרעם און קלעגלעך".

די גרויסע קוואַלן פון וואַנען ווינטשעווסקי האָט זיין פּאָעזיע, זיינע פּאָעטישע מאָטיוון געשעפּט, זיינען געווען די דערמאָנטע רעוואָלוציאָנערע דיכטער. אַ חוץ די אָפענע קוואַלן, זיינען אָבער אַנדערע שטראָמען, לעבנס־שיכטן וואָס האָבן זיך איינגעלאָגערט אין זיין פריער יוגנט, זיינען פאַר זיין דיכטונג געווען ניט ווייניקער וויכטיק ווי די דערמאָנטע אָפענע קוואַלן. דאָ גילט באמת דער אַלטער משל „כנור היה לדוד" — איבער דוד המלכס געלעגער איז געהאַנגען אַ האַרף, ביינאַכט, אַז אַ ווינטל פלעגט אַ בלאָז טאָן איבער די סטרונעס, האָט זי אַנגעהויבן שפּילן. די געשעעענישן אין לעבן, וואָס האָבן פאַרמירט זיין געזעלשאַפטלעכן באַ־וואוסטזיין, צוזאַמען מיט דער ברויזנדיקער ליריק פון די דייטשישע

פּאָעטן, האָבן אָנגערירט זיינע אייגענע האַרץ־סטרונעס. עס איז מערק־ווירדיק ווי די השפּעה פון באַרימטן רעוואָלוציאָנערן דייטשישן דיכטער, פערדינאַנד פרייליגראַט, ווערן צונויפגעוועבט מיט זיינע (ווינטשעווסקיס) אייגענע טראַדיציאָנעל־קולטורעלע אייגנשאַפטן. לשם אילוסטראַציע וועל איך דאָ ברענגען אַ מוסטער פון פרייליגראַטס „רעוואָלוציע", וואו דער דיכטער באַרעכטיקט די היסטאָרישע קראַפט מיט פּאַרטיפּטער ביבלי־שער אויפפאַסונג. דער דייטשישער דיכטער פאַרבינדט אייגנאַרטיק דעם גורל פון דער רעוואָלוציע מיט דער אויפפאַסונג פונעם מדברשן יהוה, און מיט די גלות און וואָגל־ליידן פון די נביאישע ביכער.

„און כאָטש איר האָט אין גלות זי פון לאַנד צו לאַנד אַרומגעהעצט
און כאָטש זי וואַלגערט זיך אין פרעמדע היימען אום, און האָט אין אַש
און שטויב זיך שטום אַריינגעזעצט,

— — — — — — — — — — — — —

דאָך וועט זי איר האַרפע נישט אויפהענגען אויף בבלס טרויער
ווערבע־בוים.

פון צוקונפט, וואָס איז נישט מער ווייט, זינגט זי אין דער וועלט אַריין
און ווי גאָט, דער געוועזענער, זאָגט זי: איך בין געווען, איך בין,
און וועל זיין!

ס'איז דער געשיכטעס אייזערנער געזעץ — נישט קיין דראָען און אַוודאי
נישט קיין פּוסטער טרוים.

דער טאָג ווערט היים — עס אָטעמט קיל אַ ווינט פון בבלס ווערבע־בוים!"

מיט דיכטערישער אָפּנהאַרציקייט, אויף זיין פון העברעאיש־שטאַ־מענדיקן אָריגינעלן נוסח, ווערט די רעוואָלוציאָנער־סימבאָלישע פרייליג־ראַט אויפפאַסונג מעלאָדיש און שוואונגפול סטיליזירט אין די ברייט־אָטעמדיקע פערזן פון ווינטשעווסקיס „דודס האַרף":

„לאַנג, לאַנג שלאָפט ער איצט זיין אומגעשטערטן שלאָף,
סיקען אים מער קיין ווינט, עס קען זיין האַרף ניט וועקן!
ס'רירט דער צפון־ווינט די צאַרטע סטרונעס אויף און באַוועגט זיי מיט
אַ וואונדערבאַרן כוח

און דער ווינט אַליין, ער שפּילט אַ ניגון אויף, פּריש אַ למנצח.
אָבער ערגעץ וואו געפינט זיך עד היום

יענע וואַנט, אויף איר די האַרף מיט אירע סטרונעס.
אַשור, פּלישתּים — לאַנג האָט שוין פאַרפלייצט די דער שטראָם,
און מיט זיי פאַרטראָגן אינעם טיפן שטראָם געטער און אמונות״.

אַזוי ווערן ביידע לירישע פּאָעמעס, די רעוואָלוציאָנער־גליאיקע, פרייליגראַטס, און די יידיש־נאַציאָנאַלע, ווינטשעווסקיס, ענלעך נאָענט. דאָס איז דער כּוח פון גוט־פאַרדייעטער השפּעה, וואָס ווערט אייגנס.

חוץ די אַלגעמיינע השפּעות דאַרף מען אויך בפירוש אונטערשטרייכן ווינטשעווסקיס ליד, וואָס איז געקומען פון זיין אייגענער טראַדיציאָנעלער פעלזיקייט. צוזאַמען מיט דעם דיכטער ביאַליק האָט דער יידיש־העברעאישער ווינטשעווסקי געמעגט זאָגן:

„מיין האַרץ פאַרבאָרגט אַ פונק אַ קליינעם —
נאָר גאָר אינגאַנצן איז ער מיינער,
אים נישט געבאָרגט, געשלעפּט פון קיינעם —
פאַר מיר, אין מיר בלויז היט דין שיין ער.״

(יידיש: ל. אַליצקי)

אַזוי רעדט ווינטשעווסקי אין זיינעם אַ פעליעטאָן „אַ פּאָטער״, געשריבן אין זיין זעכציקסטן יאָר:

„דער גלגל החוזר״ האָט זיך אַ דריי געטאָן און איך אַליין בין טריט־ווייז און ביסלעכווייז צוריקגעקומען צו מיין אייגענעם מקור, צו דעם פונק פון מיינע יוגנט־יאָרן, צו יענע דרייצן יאָר, ווען איך האָב געשריבן, און געזונגען, און געדרשנט אין דעם לשון פון די נביאים, און די אנשי כּנסת הגדולה און די משנה... אמת, דער שטראָם פון מיין לעבן פליסט רעשיק אין דעם אַלגעמיינעם מענטשהייט־ים אַריין... איך ווייס, אַז טאָמער ווערט דער קוואַל דורך אַ צופאַל פאַרשאָטן, ווערט דער גאַנצער פלוס מיינער פאַרשלונגען אין דעם אייביקן אָקעאַן און מיין מזמור איז אָפּגעזונגען... די יוגנט מיינע קומט צוריק אַרויס אויף דער פאַנטאַסמאַגאָריע, דאָס וואַנדל־בילד פאַר מיר. און איך באַגיי מיין באַקאַנטשאַפט מיט ישעיה בן אמוץ און מיט מיכה המורשתי, מיט הלל הזקן און מיט ר׳ יוחנן בן־זכאי, מיט דער יידישער געשיכטע און דער יידישער לעגענדע״ (באַנד זיבן, געזאַמלטע ווערק).

צום סאָציאַליזם איז דער זיידע געקומען פון דער ווייטער ווייט און געגאַנגען איז ער מיט דער ירושה־אַנלאָדונג פון דער נביאים־קולטור

„אין די גאַסן צו די מאַסן". הערן זיך אין זיינע לידער אויך די קלאַנגען און די ווידערקלאַנגען פון יהודה הלוי, וואָס איז, ווי ער זאָגט, „אמת'ע פּאָעזיע, געשאַפן פון אַ זיווג פון אמתע זשעניען מיט דעם אמתן, טיפן נאַציאָנאַלן שמערץ". („מיין אַני מאַמין").

ווינטשעווסקיס לידער וועגן יידן אָטעמען מיט טיפן פּאַטאָס. ער ווייסט די קראַפט פון אַלטע, טראַדיציאָנעלע, ראָמאַנטישע בילדער, און דאָך קוקט ער אויף זיי ניט ווי אויף שטיינער באַוואַקסענע מיט מאָך. זיין דראַנג איז אַ באַוואוסטזיניק־סאָציאַלער, ניט קיין נאַציאָנאַליסטישער דראַנג; די אידעע פון דער צוקונפטיקער פרייער מענטשהייט שימערט פאַר אים:

„אין טרוים אויפן וואַר — רק מיר שטייט פאַר די אויגן
צום פעלז צוגעשמידט פּראָמעטעי דער טיטאַן.
און איך זע ווי זיין בלוט ווערט פונעם אָדלער געצויגן
— — — — — — — — — — — — —
טראָפּנס פון מיין האַרצן בעת דיינס ווערט פאַרצוקט,
און קומט דיין רפואה, דאַן שטיי איך —
צוקאָפּנס ביי דיר אויף דיין מאַרטיר־מגילה פאַרקוקט.
דו לעבסט און דו ליידסט, דו געפינסט דיין רפואה
פון גלעד אין זיך, אומעטום, וואו דו ביסט,
דו לעבסט אין בן אמוצעס צוקונפט־נבואה,
פון דורות וואָס קומען מיט יובל באַגריסט".

די דאָזיקע שורות זיינען פון זיין ליד „צו כנסת ישראל" („פאַר א. ליעסין — אַ מתנה"). ס'איז אַ ליד, וואָס איז טאַקע אַזוי ענלעך אויף ליעסינס נאַציאָנאַלע היסטאָרישע טעמעס. דאָך פילט זיך אין זיי דער לירישער אויסגוס צו דער „מאַמע", „אַלטינקער מאַמע", ניט קיין בור־זשואַז־נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיזם.

זיין קלאַסן־באַוואוסטזיין ווערט דאָ (אַנדערש ווי ביי ליעסינען) אויף אַ האָר ניט פאַרמינערט. ניטאָ דאָ קיין שפּור פון דעם געהייליקטן דורות־דיקן „כל ישראל" און אויסדערוויילטער „עלנטער אומה" וואָס פאַרטוישט קלאַס אויף נאַציע.

„דו האָסט אָבער, טאַטעניו, אַלערליי קינדער,
פאַרציי מיר, איך ליב זיי ניט אַלעמען גלייך.

געשאָרענע שעפּסן, געמעסטעטע רינדער —
דער צורר אַליין שיידט אָפּ אָרעם פון רייך״.
איך פיל זיך אַ פרעמדער אין יעדער אסיפה
וואו איבער באַרויבטע רעגירט אַ האבון;
איך קען אים ניט לויבן, איך טויג ניט צו חניפה,
ער איז ניט מיין ברודער, דאָך איך בין דיין זון״.

דערוויטערנדיק זיין ליד צו „דער כנסת ישראל״, הערט זיך דאָ דער טאָן פון יהודה הלוים קלאַסישער עלעגיע „ציון״.

„און איך זע ווי דיין בלוט ווערט פונעם אָדלער געצויגן״; „און קומט אָן דיין אָדלער״ — דער ווידערקלאַנג פון יהודה הלוים: „צי קאָן די שיין פאַר מיינע אויגן זיס זיין, אַז שוואַרצע ראָבן פליקן דיינע אָדלערס״.

„כ׳האָב איינגעזאַפּט אין זיך דיין שוים און דיינע היוון״ — זינגט הלוי — „ביז אָפּ לויפט מיין זאַמד־גלאָז, ביז אַלץ איז אויס, דער טויט וועט געפינען מיין קאָפּ אין דיין שויס״ — פאַרענדיקט ווינטשעווסקי.

ווינטשעווסקי, ווי ליעסין, מאָלט אין זיין דיכטונג נאַציאָנאַל־היסטאָרישע געמעלן. אָבער זיין נאַציאָנאַלע העראָאיק ווענדט ער אָן צו דער טעמאַטיק פון אַרבעטער־קלאַס. זיין יידישקייט איז אַ פּשוטע און אַ היסטאָרישע. אַ פּשוטע, אַ רעאַלע איז זי דורכדעם וואָס זי גיסט זיך ניט אויס אין בענקשאַפט און אין גאָט־זוכעניש און דורותדיקער יום־טוב־דיקייט.

אַ היסטאָרישע איז זי דורכדעם, וואָס די אַמאָליקע יידיש־היסטאָרישע העלדן און זיינע באַליבטע העלדן פון דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור גייען ביי אים געאָרעמט. האָבן מיר דעריבער אין זיין „שוואַנען־געזאַנג״

„בייראָן, דער געטלעכער בעל מרה־שחורה
און מאָרים דער נביא פון ערד־פּאַראַדיז,
און לעבן זיי ליבלינגע פיל פון דער תורה
בן־עמרם אין מיטן — אַ גייסטיקער ריז.
און לעסינג מיט מענדעלסאָן — קיינמאָל פונאַנדערגעטיילט — זעען ביידע
אויס יונג עד־היום.

און יונג זעט אויס הערצען, דער גרויסער איסקאַנדער,
דער רוסישער עמוס — דער קול פונעם תהום.
און הונדערטער אַנדערע גרויסע נשמות״ —

הלל הזקן; דער שפּאַנישער סערוואַנטעס; וויקטאָר הוגאָ; דער ליבלעכער שילער; היינע, גאָט אמורס געזאַנדטער, ר׳ יוחנן דער גרויסער אמורא; איבסען דער פאָטער פון „נאָראַ״; מאַרקס און באַקונין, מיין ליבלינג לאַסאַל״ — אַזוי קומען זיי צום זיידן אויף דער עלטער און שוועבן —

„אין דער לופטן אין זויבערע ריינע
תכריכים פון זייד אין מיין צימער אַריין,
אַזוי קומען: בערנע, ביעלינסקי און היינע
און שעלי דער מלאכל, ליבלעך און פיין״.

עס איז אוודאי נישט קיין צופאַל וואָס איןביידע לידער „צו כנסת ישראל״ און „מיין שוואַנען געזאַנג״, זיינען פּראָמעטעאוס און שעלי ווינטשעווסקיס ליבסטע העלדן. דערמיט איז ער געווען געטריי צו דעם שעפער פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם.

דער באַליבטער העלד פון דער מיטאָלאָגיע איז, ווי באַוווסט, געווען ביי מאַרקסן דער טיטאַן פּראָמעטעאוס, וואָס האָט צוגעגנבעט ביי די געטער דעם פייער פאַר די אָרעמע מענטשן, און צעאוס, דער גאָט פון די געטער, האָט אים דערפאַר צוגעשמידט צו אַ פעלז און אַן אָדלער האָט שטענדיק געפּיקט זיין לעבער, ביז וואַנען הערקולעס האָט אים באַפרייט. שוין אין זיין פאָרוואָרט צו זיין דאָקטאָר־דיסערטאַציע ציטירט מאַרקס די ווערטער פון דעם העלד, וועלכער האָט געוואָרפן אַ שטאָלצע אַרויספאָדערונג די ערדישע און הימלישע הערשער. „פּראָמעטעאוס״ — זאָגט מאַרקס — „איז דער איידלסטער און הייליקסטער מאַרטירער אין פילאָסאָפישן קאַלענדאַר״.

אַז מאַרקסעס ליבלינג־דיכטערס זיינען געווען עסכיל, געטע און שעלי, איז צו זען פון אַלע ווערק. די דאָזיקע פאָעטן האָבן טאַקע געגעבן דאָס בילד פון דעם גרויסן טיטאַן. שעלי שטעלט אים פאַר אַ צוגעשמידטן, אין גרויסע ליידן אָבער פול מיט ליבע און פאַרגעבונג. און ווען די פוריעס לאַכן אים אין פּנים אַריין, באַדויערט ער זיי: „איר מוזט פיל ליידן, אַנדערש וואָלט איר אַזוי שלעכט ניט געווען״.

געטע שטעלט פאַר פּראָמעטעאוסן פאַר אַ סימבאָל פון שטאָלצן און שאַפנדיקן גייסט:

„איך דיך עהרן? פאַרוואָס.
האָסטו שמערצן געלינדערט
פון די צעוויטיקטע?
האָסטו די טרערן געשטילט
פון די צעשראָקענע?"

אַזוי פרעגט שטאָלץ דער טיטאַן ביי צעאוסן, דעם גריכישן אויבער־גאָט. אַזוי זאָגט שעלי, וועלכן מאַרקס האָט געהאַלטן פאַר אַ „רעוואָלו־ציאָנער דורך און דורך".

און דאָס זעלבע זאָגט ווינטשעווסקי:

„להכעיס דעם פייניקער, בלוטיק און ווילד:
און יעדעס מאָל זע איך דיין אַלטע, דאָך נייע געשטאַלט אין דעם שרעקלעכן, גריכישן בילד".

אין דער געשטאַלט פון אַ געשמידטן פּראָמעטעאוס איז מאַרקס פאַר־געשטעלט געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר פון דער „ריינישער צייטונג", אויף אַן אילוסטראַציע פון די „פּערציקער יאָרן".

אין בילד פון פּראָמעטעאוסן האָט ווינטשעווסקי געזען דעם אַרבע־טער־קלאַס אין דעם יידישן מאַרטיראָלאָג, פּראָמעטעאוס, שעלי, בן־עמרם, מאַרקס — דער קלאַנג און אויסקלאַנג פון זיין אידעע און פּאָעזיע.

דער „משוגענער פילאָסאָף"

„דער ערשטער סאָציאַליסטישער פּראָזע־שרייבער, וואָס האָט מיט זיינע טאַלאַנטפולע פעליעטאָנען און געטאָקטע געשליפענע נאָטיצן אַריינ־געטראָגן אין אונדזער פּרעסע געשמאַק, חן און סטיל" — אַזוי באַצייכנט דעם זיידן זיין לאַנג־יאָריקער פריינט א. ליעסין.

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז ווינטשעווסקיס פּובליציסטיק איז דורכ־געזאַפּטיקט מיט וואַרעמער עמאָציע און אָנגעטרונקען מיט געדאַנקלעכ־קייט, מיט מחשבה. עס איז ניט דווקא קיין אינטעלעקטועלער סאָרט שרייבן, עס איז אַ פּובליציסטיק, וואָס איז מער איינפאַל און אויפבליץ

צוזאַמען מיט ציל־באַוואוסטקייט, מחשבה, וואָס איז אין איינקלאַנג מיט דער אידעע.

דער באַדייטנדיקער טייל פון די פעליעטאָנען אין אידעאָלאָגיש־קינסטלערישן זינען — זיינען יענע, וואָס האָבן צו טאָן מיט אַראָפּרייסן לאַכעריש די אַלטע אָפּגעלעבטע פאָרמען אין באַוואוסטזיין. ער פירט אַרויס דעם קאָמיזם, וואָס די פאַקטן און סיטואַציעס אַנטהאַלטן אין זיך, און שפּילט זיי אויס אויף אַ קינסטלערישן אופן.

בלויז איין מוסטער: „איז דאָס ניט אידיאָטסטווא, צו גלויבן אין טייוול אין אַ צייט, ווען מען הערט שוין ביסלעכווייז אויף צו גלויבן אין גאָט; צו לאַכן פון אַ גיהנום אויף יענער וועלט און אונטערשטיצן אַ גיהנום אויף דער וועלט; אָפּצושאַפן פּיאַווקעס און בלוט־לאָזן ביי קראַנקע און זיי אויפהאַלטן פאַר די געזונטע; צו רעדן פון פרייהייט און שווייגן פון באַדריקונג; צו באַשטראָפן פאַר כאַפן געלט פון קעשענע און צו לויבן פאַר כאַפּן דעם ביסן פון מויל; צו הענגען דעם, וואָס גיט דעם טויט און צו באַזינגען דעם, וואָס לאָזט ניט לעבן".

דער דאָזיקער פעליעטאָן פאַרמאָגט אַ פאַראַלגעמיינערונג קראַפט. אין אַנדערע פעליעטאָנען קען מען געפינען די זעלבע שטריכן. מיר וועלן זיך אויף זיי ניט אָפּשטעלן, זיי אַלע זיינען אין גרונט כאַראַקטעריסטיש מיטן געפיל צום צאַפּלדיקן, היינטיקן, וואָס דער שרייבער האָט פאַרמאָגט. אַ שאַרפער שטריך אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון זיין צייט, וואָס האָט זיך געלאָזט פילן אין די אָדער יענע שטייגער־מאָמענטן, האָבן ביי ווינ־טשעווסקין אַרויסגערופן די רעאַגירונג פון אַ פעליעטאָן. זאָל עס זיין די יום־טובים, „יום כיפור אַמאָל און היינט", פסח, שבועות, אָדער „נייע צאַרישע געזעצן פאַר יידן" — אַ בייסיקע סאַטירע קעגן די אַסימילאַנטן, „רעפאָרמירטע נעזער", אָדער דער „הונדערטסטער געבורטס־יאָר פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע". אומעטום איז די שטייגער־דעטאַל אין צענטער. פּאָליטישע אַקטועלקייט, האָפערדיקייט און „רייסעניש און ביי־סעניש". די לאַקאָנישע שפּראַך און די ריטמישע שורה שפּילט ביי אים אַ גרויסע ראָל. דערביי געלינגט אים מיט דערפאָלג אויסנוצן עלעמענטן פון דער נאַציאָנאַלער פאָרם. ער נוצט אויס די רייכקייטן פון דער יידי־שער שפּראַך, באַנוצט אַ שפע מיט העברעאיזמען (מער ווי אַלץ), פירט אַריין נעאָלאָגיזמען, נייע וואָרט־בילדונגען, נעמט אויף די שפּראַך ווי אַן עלעמענט, וואָס שפּילט אַן אונטערגעאָרדנטע ראָל דעם קלאַסנקאַמף. אַ

כך פון זיינע סענטענצן, עפּיגראַמען און אַפאָריזמען זיינען דעריבער מסוגל געווען צו ווערן דער בעסטער פאָלקלאָר. ביישפּיל:

„— דורך בילדונג ווערן אייניקע אויסגעבילדעט. אַנדערע איינ־געבילדעט.

— אַ נאַר מיט אַ פעדער אין האַנט איז אַ דאָפּלט־פאַרשאָלטענער מענטש. וואו מען קען זיין קול ניט, קען ער באַוויזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז ער איז אַ נאַר.

— עס איז לייכטער צו קעמפן קעגן אַ גאָט, אין וועלכן מ'גלויבט ניט, ווי קעגן טיראַנען אין וועלכע מע גלויבט יאָ.

— גרויסע דיכטער פילן זייערע געדאַנקען, דענקען זייערע געפילן.

— גאָטזוכעריי! ווער עס גלויבט, דאַרף גאָט ניט זוכן; ווער עס גלויבט ניט, וועט אים קיינמאָל ניט געפינען.

— ווען מענטשן זיינען ניט פאַראייניקט דורך אַן אידעע, העלפט ניט די שטרענגסטע דיסציפּלין. אַ באַלעבעטער קערפּער האַלט זיך אָן אַ שטייפן גאַרטל, בעת קיין שום גאַרטל וועט ניט צוזאַמענהאַלטן אַ גולם, צי פון שניי אָדער פון ליים.

— פרייהייט אָן גלייכהייט איז נאַר מעגלעך אין אַ ווילדערניש; גלייכ־הייט אָן פרייהייט — בלויז אין טורמע. צו פאַראייניקן פרייהייט מיט גלייכהייט בעט זיך ברידערלעכקייט.

— אין לעבן ווי אין דער דיכטונג: דער ליריקער לעבט דורך, דער דראַמאַטיקער דערלעבט. דער עפּיקער לעבט איבער.

— ווען אַ טיראַן פאַרווערט צו ריידן, פאַרגעסט ער געוויינלעך, אַז וואָס ווייניקער אַ מענטש רעדט, אַלץ מער דענקט ער.

— מיינונגען וועלכע דו האַלסט פאַר פאַלשע, מוזטו באַקעמפן. באַ־קעמף זיי אָבער אָן זידלעריי, ווייל ווער עס וויל, אַז זיין שווערד זאָל זיין שאַרף מוז אים האַלטן זויבער און בלאַנק.

— איידער דו ווערטס אַ סאָציאַליסט, זיי אַ מענטש. דער סאָציאַליזם וועט די מענטשהייט גליקלעכער מאַכן; מענטשן מוזן זיי אַליין זיין".

פון „זיידנס" סאַטירישע פעליעטאָנען, פון זיינע שאַרפע אַפאָריזמען וואַקסט אַרויס זיין געשטאַלט, די סינטעטישע פיגור פון ווינטשעווסקין, דעם גייסטרייכן און פאַרשיידנאַרטיקן פאָלקס־טריבון. אַזאַ איז ער גע־ווען: אַ קאָוונער און אַ לאָנדאָנער, אַ קעניגסבערגער און אַ ניו־יאָרקער. אַן אַמעריקאַנער און אַ רוס, אַן ענגלענדער און אַ דייטשישער, אַ ייד און

אַ רעוואָלוציאָנער. פול מיט איראָניע און געשמאַכט נאָך גלויבן, אַ מענטש מיט וואַכע געזונטע חושים און אַמאָל אויך אַ בטול־היש׳ניק, אָפט דאַכט זיך, אַז ער פאַרגעסט זיך און ווערט קינדעריש, און אָט זעט איר שוין אין אים דעם „זקן מלא חכמה״, וואָס האַלט אויף אייך אַ לויערנדיק דורכדרינגענדיק, טיף־זיניק אויג.

דעם „זיידנס״ געשטאַלטן און פּערזענלעכקייטן

אין מאָריס ווינטשעווסקיס ליטעראַרישן שאַפן פאַרנעמען זיינע אָפּ־שאַצונגען פון געשטאַלטן און פּערזענלעכקייטן אַ באַזונדער אָרט. איין באַנד פון זיינע צען בענדער געזאַמלטע ווערק („מענטשן און ווערק״, אַכטער באַנד, רעדאַקטירט פון קלמן מרמר, 1927), איז געווידמעט אַ גאַ־לעריע יידישע און ניט־יידישע געשטאַלטן.

מאָריס ווינטשעווסקי איז געווען אַ זעלטענער בקיא אין אַלע חדרי־חדרים פון די רעוואָלוציאָנערע און געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען אינעם ניינצנטן יאָרהונדערט. איבער זיינע זכרונות און אָפּשאַצונגען פון די געשטאַלטן און פּערזענלעכקייטן מיט וועמען ער האָט מיטגעאַרבעט, אָדער זיך באַגעגנט, שוועבט זיין באַזונדערע ניואַנסירטע איראָניע. ער איז אין זיין כאַראַקטעריסטיק פון אַ געשטאַלט אַנטי־פּאַטעטיש און וואו ער ווערט פּאַטעטיש דערמאָנט ער זיך גלייך אין זיין איראָניע.

פון שטאַרק פאַרשיידענע וועלטן רעקרוטירן זיך זיינע פּערזענלעכ־קייטן. מיר האָבן דאָ דעם משכיל און חובב ציון משה ליב ליליענבלום און דעם ענגלישן דיכטער וויליאַם מאָריס, דעם פּאַרפאַסער פון „התקוה״ נפתלי הערץ אימבער און פרידריך ענגעלס, דעם זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור מענדעלע מוכר־ספרים און דעם פראַנצויזישן שרייבער אַנאַטאָל פראַנס, דעם יידישן ראַדיקאַל פיליפּ קראַנץ און דעם משכילישן מגיד צבי הירש דיינאָוו, קאַרל מאַרקס׳ טאָכטער עלעאַנאָראַ און יודזשין וויקטאָר דעבס און אַנדערע. מיט אַ סך פון די פּערזענלעכקייטן איז געווען פאַר־בונדן אַ טייל פון זיין לעבן, אַנדערע זיינען געקומען צופעליק.

ווינטשעווסקי האָט מיט אַן אייגנאַרטיקער דבקות געלעבט די גע־שיכטע פון צוויי דורות אָבער באַזונדערס האָבן אים געכשופט די קרייצ־וועגן אויף וועלכע עס באַגעגענען זיך לייבלעך־נאָענטע מענטשן און אי־דעען, וואָס האָבן זיך, דוכט זיך, בלויז דורך אַ טעות, ניט געקענט —

און דאָרטן צעשיידן זיך אויך מענטשן און אידעען, וואָס אין דער שעה פון זייער געבורט איז, דאַכט זיך, נגזר געוואָרן, אַז זיי זאָלן זיין אויף אייביק באַהעפט.

אין זיינע פריע יוגנט־יאָרן, אין קאָוונע און אין קעניגסבערג, האָט זיין באַגעגעניש מיט די משכילים משה ליב ליליענבלום און וואָלף ראַבי־נאָוויץ (אור) פיל בייגעטראָגן צו דער אויספורעמונג פון זיין סאָציאַליסטישן געדאַנקענגאַנג — שפּעטער איז משה ליב ליליענבלום געוואָרן אַ פירער פון ציוניזם און ראַבינאָוויטש, אַ רעליגיעזער קאָנסערוואַטאָר. „דאָס ביטל איז זיך פונאַנדערגעפאַלן", אָבער ווינטשעווסקי האָט זיין גאַנץ לעבן געפילט צו זיי אַ „חסד נעורים" (יוגנט־געגנאַד). ער האָט נאָכגעפאָלגט די וועגן פון זיינע יוגנט־חברים מיט ליבשאַפט און סימפּאַטיע.

אין זיינע כאַראַקטעריסטיק־אָפּהאַנדלונגען וועיזט דער „זיידע", אַז ער האָט געהאַט אַן אינטימען אינטערעס אין די מענטשן און גורלות פון די שאַפער פון יידיש־געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען, אָבער דער דאָזי־קער אינטערעס האָט ניט געוואוסט פון קיין פּאַרטייאישע אָדער סעק־טאַנטישע גרענעצן. האָט געקענט פּאַסירן אַז אין זיין ראַדיקאַלסטן פּע־ריאָד, ווען ער האָט רעדאַגירט „די צוקונפט" האָט ער אָנגעשריבן אַ וואַרעמען נעקרלאָג־עסיי נאָך דעם קאָנטראַסטפולן דיכטער־באַהעם, דעם פאַרפאַסער פון „התקוה" נפתלי הערץ אימבער. דער דאָזיקער נעקראָלאָג איז אַן איראָנישע און גלייכצייטיק וואַרעמע אימפּרעסיע וועגן דעם שאַ־פער פון יידישן נאַציאָנאַלן הימן.

דער אַרטיקל הייבט זיך אָן מיט אַ פערזענלעכער נאָטע. „מען האָט געדאַרפט זיין אַ „משוגענער פילאָסאָף" אום צו פאַרשטיין אַ „שכורן פילאָ־סאָף" — זאָגט ווינטשעווסקי — און ער גייט איבער צו כאַראַקטעריזירן אויף אַן אימפּרעסיאָניסטישן אופן זיין ציוניסטישן חבר. „ער איז געווען אַ מאָדערנער דיאָגענעס, האָט שטאָלצירט מיט די לעכערס אין זיין מאַנטל און מיט אַ לאָמטערנע געזוכט דעם מענטשן. ער האָט געטראָגן אין און אַרום זיך דעם גערוך פון טאַבאַק, שנאַפּס און ביליקע אכסניות. געדרוקט אין „ברקאי" (אַ העברעאישן וואָכנבלאַט) ליבע־לידער אי צו דער מאַמע ציון אי צו די יונגע מיידלעך; גערעדט מיט גאָט אום שבת מיט אַ סיגאַרעט אין מויל. ער האָט געטראָגן קאַלטענעס אויפן קאָפּ, אַ קאַרע שמוץ אויף דעם אומגעוואַשענעם פּנים, באַרווישטע געדאַנקען אין זיין באַ־

רווישטן מוח, ועל כולם איז ער געווען אַ פרייער מאַן, אַ זעלבסטשטענדיקער גייסט, אַ מענטש מיט אַ רוקן, וואָס לאָזט זיך פון קיינעם ניט טרעטן.

„דער קעניג פון די שנאָרערס", האָט אים גערופן זאַנגוויל, דער גרויסער געטאָ־עקספּלאָרער. אַזוי האָט געשריבן איינער, וואָס האָט געזען די יידישע גאַס מיט אַ פּאַרריסענעם קאָפּ, און דורך אַ שמוציק העמד ניט געזען דאָס האַרץ", („צוקונפט", נאָוו. 1909).

און אַט אַנטפּלעקט ער פאַר אונדז אין זיין נעקראָלאָג וועגן זיין לאַנג־יאָריקן פריינט פיליפ קראַנץ עטוואָס נייעס. „ער (פיליפ קראַנץ) האָט געשריבן יידיש איבער 38 יאָר פון זיין לעבן. ניט גלויבנדיק אין קיין יידישע ליטעראַטור, זיך ווייניק וואָס קימערנדיק וועגן דער יידישער צוקונפט און זיך קנאַפּ וואָס אינטערעסירט מיט אונדזער פאַרגאַנגענהייט". דער זעלבער קראַנץ האָט דאָך אָבער אויך געשריבן ביכער וועגן יידישער געשיכטע און „געפּלאַנצטביימעלעך און ביימער אין דעם נאַציאָנאַלן גאָרטן אונדזערן". וויאַזוי דערקלערט מען אַזאַ ווידערשפּרעכנדיקע דער־שיינונג ? „ווער ווייס — שרייבט דער „זיידע" — וואָס אונטער דער דיקער קאָרע פון אַן אַלט־געוואָרענעם דעמב קען זיין פאַר אַ האַרץ". („צו־קונפט", מאַי, 1922).

ווינטשעווסקיס אמתע העלדן־גאַלערייע איז דער עיקר באַשטאַנען פון אַזעלכע געשטאַלטן, וואָס זיינען געווען מוסטערן פון פולקומענקייט. פאַר זיי האָט ער געהאַט בלויז לירישע וואַרעמקייט. צו די דאָזיקע האָט גע־הערט די יינגסטע טאָכטער פון דעם שאָפער פון וויסנשאַפטלעכן סאָ־ציאַליזם, קאַרל מאַרקס, עלענאָרע מאַרקס־עוועלינג. זיין אָפּהאַנדלונג וועגן דער דאָזיקער מערקווירדיקער פרוי, וואָס האָט זיך באַרימט, אַז זי איז אינגאַנצן אַ יידישע", איז אַן אַנטפּלעקונג סיי פאַרן ביאָגראַף פון מאַרקס און סיי פאַרן היסטאָריקער פון סאָציאַליזם.

אין זיין לאָנדאָנער פּעריאָד האָט ער זיך באַפריינדעט מיט עלענאָרען און אין 1898, נאָך איר טראַגישן אַוועקגיין פון דער וועלט (זי איז באַ־גאַנגען זעלבסטמאָרד) האָט ווינטשעווסקי אָנגעשריבן אַ סעריע זכרונות אין פאָרם פון אַ מאָנאָגראַפיע. אַ שאָד וואָס ער האָט די דאָזיקע מאָנאָגראַפיע געגעבן בלויז אין ברוכשטיקער, אָבער סיי ווי האָבן מיר דאָ אַ האַרלעך בילד פון מאַרקס' מיזינקע „מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן אין וועלכע ס'האָבן געצאַפּלט מענטשלעכעליידן און אין וועלכע ס'האָט גלייכצייטיק אַרויסגעשטראַלט אַן אַ שיעור ענערגיע".

ווינטשעווסקי האָט פאַר דער יידישער ראַדיקאַלער וועלט אַרויסגע־הייבן עלענאַראַן, קינסטלערין און קעמפערין, וועלכע האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין לאָנדאָן, האָט איבערזעצט איבסענען און פלאָבערן, האָט געטראָגן אין איר האַרץ טיפע פּערזענלעכע וואונדן און האָט אַזוי ליב געהאַט די יידישע אַרבעטער־מאַסן פון דער „לאָנדאָנער געטאָ", אַז זי האָט זיך געפילט מיט זיי אינטים פאַרבונדן און דערקלערט ווינטשעווסקין אויף אַ פּאַראַדביים סאָציאַליסטישן קאָנ־גרעס אין ציריך, שווייץ (1893) — „מיר יידן דאַרפן זיך האַלטן צו־זאַמען".

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין „זיידנס" לעבן, וואָס רייצט אונדזער פאַנ־טאַזיע אין זיין באַגעגעניש אין יאָר 1919 מיט דעם גרויסן סקעפּטיקער פון פראַנקרייך אַנאַטאָל פראַנס. די באַגעגעניש האָט ווינטשעווסקי באַ־שריבן אין אַ סעריע אַרטיקלען אין דער „פרייהייט" (1926). ווינטשעווסקי דערציילט, אַז ער האָט פאַר פראַנסן געלייענט זיינע אַפאָריזמען און ער, „דער קינסטלער פון דער פּאָעטישער פּראָזע, וואָס קיצלט און ווינקט און שמייכלט און רירט דאָס האַרץ ווי אַ רעגנדל די פאַרשמאַכטע ערד", האָט זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם, כאָטש ווינטשעווסקיס פראַנצויזיש איז געווען „נעבעכדיק".

אַ פּאָר שעה האָט געדויערט דער וואַרעמער שמועס צווישן יידישן „משוגענעם פילאָסאָף" און דעם גייסטרייכן פראַנצויזישן איראָניקער, וואָס האָט אַראָפּגענידערט פון „מאָנפּאַרנאַס" צום סאָציאַליזם און דער „זיידע" פאַרגעסט דערביי ניט צו באַטאָנען מיט ניט ווייניק שטאָלץ, אַז „פּערזענלעך האָב איך, דאַכט זיך, געמאַכט אויף אים אַ גוטן איינדרוק וואָס איך האָב ניט פאַרמאַסקירט מיין יידישקייט. ער האָט אין מיר געזען אַ יידן און ווייטער גאָרניט".

דעם דאָזיקן זקן פון פּאַריז, אַנאַטאָל פראַנס, האָט ווינטשעווסקי מיחד געווען אַ ליכטיקן ווינקל אין זיין נשמה. „מענטשן וואָס גלויבן ניט אין פלאַמען, וואו זיי זעען ניט קיין רויך" — פאַרענדיקט ער זיינע דעראינגע־רונגען וועגן דער באַגעגעניש מיט אַנאַטאָל פראַנס — „וואָלטן געזאָגט, אַז דער גרויסער אַלטער איז אייז־קאַלט, מיר אָבער האָבן די דאָזיקע פלאַמען באַלויכטן און דער פייער געוואַרעמט".

דעם ליכטייקסטן ווינקל אין זיין האַרצן אין וועמענס פייער ער האָט זיך געוואַרעמט אויף די עלטערע יאָרן איז געווען זיין גרויסער אַמערי־

קאַנער פּריינט דער לאָקאָמאָטיוו־הייצער יודזשין וויקטאָר דעבס. זיין אַרבעט „יודזשין דעבס — פאָלקס טריבון, פּאָעט און מענטש" איז אַ געזאַנג אין פּראָזע צו דעם אַמעריקאַנער, וועמען ער באַזינגט אין זיינער אַ בעלעטריסטישער האַלב־דערציילערישער עסיי „אונדזער פייערמאַן":
„עס בייטן זיך די צוג־פירער, עס קומען און גייען קאָנדוקטאָרן, אָבער געליבט פון אַלעמען שטייט דער הייצער אויף זיין פּאָסט, תּמיד פון דאָס ניי אויפלעבנדיק די פלאַמען, צינדנדיק, הייצנדיק, לייכטנדיק".

* * *

ווינטשעווסקיס ליטעראַריש־קריטישע מיינונגען און אַרויסזאָגונגען, זיינע אָפּהאַנדלונגען וועגן די דייטשישע, סקאַנדינאַווישע, ענגלישע און רוסישע קלאַסיקער, זיינע אָפּשאַצונגען פון פּרצן, ביאַליקן, יעקב גאָרדין ווי זיינע סענטענצן און אַפאָריזמען וועגן ליטעראַטור בכלל, זיינען צע־שפּרייט איבער די צען־בענד געזאַמלטע ווערק.

דאָ ווילן מיר זיך בלויז באַנוגענען מיט מוסטערן פון עטלעכע אויס־צוגן. קודם־כל מיט זיינע אַפאָריסטישע געדאַנקען וועגן ליטעראַטור בכלל:

— „אַ מענטש מיט טאַלאַנט איז אָפט אַ ליריקער אין דער יוגנט, אַ דראַמאַטיקער אין די מיטעלע יאָרן און אַן עפּיקער אויף דער עלטער.

„ביי אונדז האָט פאַרצייטן שלמה אין דער יוגנט געזונגען שיר השירים, אין די מיטעלע יאָרן געזאָגט משלי, אויף דער עלטער פילאָזאָפירט קהלת".

— „אין לעבן ווי אין דער דיכטונג: דער ליריקער לעבט דורך, דער דראַמאַטיקער דערלעבט, דער עפּיקער לעבט איבער."

וועגן י. ל. פּרצן האָט ווינטשעווסקי אָנגעשריבן צוויי וואַרעמע אַר־טיקלען, אין אַרטיקל „פּרץ און זרח" (געזאַמלטע שריפטן, באַנד 5), שרייבט ווינטשעווסקי: „אַ מענטשלעכער שפּרודל־ברונעם, אַ יידישער היינע, אַ מכשף, וואָס קען מאַכן גאָלד פון זאַמד און פּערל פון שטיינדלעך, און מוזיק פון ווערטער, און בילדער פון אַלץ וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין אויג... אַ מאַן, וועלכער לאַכט פון זיי מיט טרערן אין די אויגן און וויינט פאַר זיי מיט האָפנונג אין האַרצן; וועלכער פאַרטייטשט זייער זיפץ, און דיסטילירט זייערע טרערן, און פאַראיידלט זייער שפּראַך, און דריקט אויס זייערע געדאַנקען. אַ מאַן, וועלכער איז זייער שפּיגל אין זיינע סקיצן, זייער טרייסט אין זיינע געדיכטן, זייער געוויסן, זייער מוח און האַרץ... ער, דער מחבר פון „באָנציע שוויג", דער דיכטער פון

מאַניש״, פּאָעזיען, וועלכע זיינען אַזוי פּראָסט, אַזוי ווייניק פּאָלירט... אָבער וועלכע מען קאָן אַזוי ווייניק נאָכמאַכן, ווי מען קען מיט דער העכסטער קונסט אין דער וועלט ניט נאָכמאַכן די איינפאַכע מענטשלעכע שטים, אָדער דאָס פּראָסטע, אָבער נאַטירלעכע, גראָז אויף דער ערד״.

נשקשה פון אַ לויב געזאַנג פון אַ „זיידן צו אַן אייניקל״! ווען אַפילו ניט זיינס אַן אייניקל. און אין זיין נעקראָלאָג נאָך פּרצן זאָגט דער זיידע, אַז פּרצעס אידעאישע שטעלונג צו פילאָסאָפישע, נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע ענינים איז „פאַר מיר כלל נישט שטאַרק אינטערעסאַנט״. ער בלייבט פריער פון אַלץ דער בעלעטריסט, דער דיכטער אין אַ וואָרט — דער קינסטלער... פּרצעס ווערק און זיין גרויסע פּערזענלעכקייט האָבן אונדז געעפנט די אויגן און אַרויסגערופן אונדזער באַוואונדערונג״.

דעם זיידנס לאַנג־יאָריקע פריינטשאַפט און ליבע צו יעקב גאָרדין און זיינע אַרומנעמענדיקע צאַלרייכע אָפּשאַצונגען וועגן זיין דראַמאַ־טורגיע איז אַ טעמע פאַר זיך. אין גאָרדינען האָט ווינטשעווסקי געזען דעם אָריגינעלן מייסטער. אַזוי, צום ביישפּיל, ווייזט ער אָן, אַז גאָרדינס „יידישער קעניג ליר״ „האָט גאָרדין גענומען פון שעקספּירן בלויז די אידעע, און ניט מער. שעקספּיר אַליין האָט גענומען נישט נאָר די אידעע, נאָר די גאַנצע מעשה פון צוויי ענגלישע שרייבערס, די בעסטע סצענע אין מאָליערס „דער קאַרגער״, איז נישט געווען זיינע, און די מעשה מיט די „דריי רינגען״ אין לעסינגס „נתן החכם״ איז אַרויסגענומען פון באָ־קאַטשיאָ... די פראַגע איז — ווי ער האָט דאָס גענומענע באַאַרבעט״.

זיין גרויסע אַרבעט „אַ טאָג מיט יעקב גאָרדין״ פאַרענדיקט וויג־טשעווסקי מיט די באַגייסטערטע ווערטער: „ער וועט רעדן כל זמן עס וועט זיין אַ יידיש פאָלק, אַפילו אין דעם פאַל, ווען זיי וועלן שוין זיין לשון מער ניט פאַרשטיין און וועלן אים מוזן הערן אין פרעמדע לשונות, וואָס זיי וועלן מאַכן פאַר זייערע״.

דער צוגאַנג פון פּראָגרעסיוון קריטיקער, וואָס געטריי צו זיין באַנעם פון געזעלשאַפטלעכן נוצן אין דער קונסט, שטעלט דעם אינהאַלט העכער פון דער פאָרם, אַפילו פון דער שפּראַך, און גלויבט אין דער אייביקייט פון גרויסע ווערטן.

דעם זעלבן צוגאַנג האָט ווינטשעווסקי אויך צו אַן אַנדער ליבלינג זיינעם, וועלכן ער האָט אויך באַזונגען אין דעם ליד און איבערזעצט זיינע דראַמען, הענריק איבסען.

„ער האָט צעגלידערט אונדזער פאַמיליען־לעבן, ער האָט אויפגעוויזן אַלע מומים, אַלע פאַרפוילטע שטעלן, יעדע נגע־צרעת אויף אונדזער געזעלשאַפטלעכן קערפּער. ער האָט נאָכאַנאַנד געקעמפט פאַר פרייהייט און רעכט...״ און זיין אויספיר אין דעם גאַנצן פלאַמיקן אַרטיקל וועגן איבסענען, „איבסען מיט זיין גרויסן מוחה, מיט זיין שאַרפער פעדער איז ניט טויט. ער הייבט ערשט אָן לעבן״.

זיין בן־דור און נאָענטן פריינט, דעם ענגלישן סאָציאַליסטישן פּאָעט, וויליאַם מאָריס, באַצייכנט ער, ווי „דעם גרעסטן עפּיקער, וואָס ענגלאַנד האָט אַרויסגעבראַכט זינט מילטאָנען״.

אין אַ לענגערן פּובליציסטישן אַרטיקל, „אָן עפנטלעכע מיינונג״, ווידמעט ווינטשעווסקי עטלעכע זייער ליידנשאַפטלעכע בלעטלעך. „די ערלעכע רוסישע ליטעראַטור״ — „מיט וואָס פאַר אַן ערלעכקייט אַלץ איז קריטיקירט! דער רוסישער רעאַליזם איז אין גרונט ניט מער און ניט ווייניקער ווי איינפאַכע ערלעכקייט, ווי אַ וואונטש ניט צו מאָלן פאַלש, אָדער אַפילו מיט גוזמאות, די ווירקלעכקייט אין דעם לעבן, פילן און דענקען פון מענטשן; דאָס איז אמת וועגן כמעט דער גאַנצער רוסישער ליטעראַטור — פון לערמאָנטאָווס „העלד פון אונדזער צייט״, ביז „קופּרינס״.

און וועגן דער רוסישער קריטיק: „די דריי רוסישע קריטיקער — ביעלינסקי, דאָבראָליובאָוו און פּיסאַריעוו:

„ביי זיי — זאָגט ווינטשעווסקי — איז דער אמת וועגן די ביכער, דער אמת וועגן לעבן״.

און ווייטער רעדט ווינטשעווסקי וועגן דער רוסישער קריטיק איבער פּושקינס פּאָעזיע, וועגן טעאַטער, דראַמע און אַז״וו.

אין דער עסיי „אַ ליטעראַטור״, זאָגט אַרויס דער זיידע אַ ריי געדאַנקען וועגן בערנעס הומאָר, וועגן נעקראַסאָווס סטיל, וואָס באַווייזן אויף זיין ראַפינירטן ליטעראַריש־קריטישן חוש.

„אַ ליכט פלאַקערט־אויף שטאַרקער ביים אָנצינדן און ביים אויסגיין. באַוויזט, ווער ווייס ביאַליקס גרויסער פלאַם אַן אויפצינדן, אָדער די אויסלעשונג פונעם העברעאישן פּאָעזיע־פייער?״

דער יידישער ליטעראַטור־פאָרשער דאַרף נאָך דערשאַצן ווינטשעווסקיס ליטעראַרישן געשמאַק, זיינע טרעפלעכע קינסטלערישע אָפּשאַצונגען.

מאָרים ווינטשעווסקי — דער ליריקער

ווינטשעווסקיס קינסטלערישע טעטיקייט לאָזט זיך איינטיילן אין דריי פּעריאָדן: דער ערשטער פּעריאָד נעמט אַרום די צייט פון אָנהייב פון זיין ליטעראַרישן שאַפן אויף העברעאיש ביז זיין ערשטן פּאָעטישן פינאַל צו אַ פעליעטאָן געדרוקט אין קעניגסבערג יידישן וואָכנבלאַט „קול לעם" (אָקטאָבער, 1877). דער צווייטער פּעריאָד נעמט אַרום די צייט פון דער גרינדונג פון דער ערשטער סאָציאַליסטישער צייטונג אין יידיש „דער פּוילישער יידל" (לאָנדאָן, 1884). דער דריטער פּעריאָד — דאָס איז זיין דיכטעריש און פּראָזאאיש שאַפן אין ענגלאַנד און אַמעריקע פון די ניינציקער יאָרן ביז זיינע לעצטע טעג.

דער איבערגאַנג צווישן די אָנגעצייכנטע פּעריאָדן שפּיגלט ניט אָפּ קיין ראַדיקאַלע איבערברוכס־מאָמענטן אין זיין שאַפן. די הויפּט־פאָרם פון ווינטשעווסקיס פּאָעטישן שאַפן איז די ריטמישע ליריק, וואָס איז פון אָנהייב אָן סאָציאַל.

אַ וואָרט וועגן דער ליריק בכלל.

די פאָרמאַליסטישע עסטעטיקער, די אימפּרעסיאָניסטישע קריטיק האַלט, אַז די ליריק איז אַ ריין־סוביעקטיווע קאַטעגאָריע און איז דערפאַר ווי אַזאַ „אומבאַשטימט". די ליריק, אַנדערש ווי פּראָזע, — האַלטן זיי — איז אַ דערשיינונג, וואָס איר סטיכיע איז די אינדיווידואַליטעט מיט אירע געפילן און אומבאַשטימטער שטימונג.

די סאָציאַל־וויסנשאַפטלעכע עסטעטיק, אָדער די מאַרקסיסטישע קונסט־קריטיק וואַרפט־אָפּ די דאָזיקע פאַרשטעלונג וועגן דער ליריק. נאָך ביעלינסקי האָט געשריבן: „די פּערזענלעכקייט פון פּאָעט געפינט זיך דאָ אויפן ערשטן פּלאַן, און מיר נעמען אויף און פאַרשטייען נישט אַנדערש, ווי דורך איר. דאָס איז די לירישע פּאָעזיע" (געבראַכט אין מ. מירסקיס „פּראָבלעמען פון ליטעראַטור און קריטיק", וואַרשע, 1953). אין צענטער פון דער ליריק שטייט טאַקע די דיכטערישע אינדיווידואַליטעט און דער פּאָעט און זיין באַוואוסטזיין אָדער זיין לירישע וועלט־אויפפאַסונג איז אָבער באַ־דינגט פון סאָציאַל־פּאָליטישן אַרום. דער דיכטער־ליריקער לעבט און שאַפט אין קאָנקרעטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטיש־עטישע באַדינ־גונגען און זיין רייכע אינערלעכע וועלט, וועלכע געשטאַלטיקט זיך אין בילדער, זעטיקט זיך מיט עמאָציעס און קליידט זיך אין קלאַנגען פון

ריטם, איז אַן אָפּבילד פון סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן פּראָצעס פון דער סביבה. די אָביעקטיווע ווירקלעכקייט ווערט דערקענט דורך דעם דיכטערס פּער־זאָן. טאַקע אָט דער באַוואוסטזיין פון דער דיכטערישער אינדיווידואַלי־טעט, זיין סאָציאַלער באַוואוסטזיין איז דער קריטעריע פאַר דער ליריק און ניט בלויז די אַבסטראַקטע שטימונג אָדער די טעכנישע אויסגעציקלט־קייט פון זיין פערז, אָדער זינגעוודיקייט פון זיין שורה.

ווען מיר האָבן אין זינען דעם כּלל, ווערט קלאָר, פאַרוואָס די סאָציאַלע ליריק פון מאָריס ווינטשעווסקין האָט גלייך געפונען אַזוי פיל לייענער און צוהערער ,מיטזינגער און נאָכזינגער. זיין ערשט ליד, אונ־טערגעשריבן בן־קאָוונע (אַ קאָוונער), האָט געשילדערט די אומרואיקע מאַסן פון זיין שטאָט, ווי „העלדן פון רייד״:

„זיי זיינען נאָך אַלע גבורים אין רעדן,\
אָבער פליגן אין טאָן;\
זיי מיינען מען קען יסורים פאַררײדן,\
פאַררײדן אַ שלעכטן צאָן!

ניין, מיינע ברידער, איר זייט אין טעות,\
אין טעות, אויף מיינע נאמנות!\
צו אַ שלעכטן צאָן העלפט קיין המצאות,\
רייסט אַרויס אָן רחמנות״

אַזאַ קאַרגשאַפט אין בילד, אַזוי אויסגעדריקט און אַריינגעשפּילט אין געמיט פון לייענער! אָבער איר האָט שוין דאָ דעם אָנזאָג פאַרן ריט־מישן גאַנג פונעם ליריקער!

מיט די דאָזיקע שורות, וואָס זאָגן עדות וועגן אַ געזעלשאַפטלעכער אחריות, האָט ווינטשעווסקי ניט צופעליק אָנגעהויבן זיין פּראָלעטאַרישע פּאָעזיע. און באַלד זיין פלאַמיקער ברויז, אין געמאָסטענעם און קלינגעוו־דיקן פערז — ווינטשעווסקיס געזאַנג וועגן „אַרבעטסלאָזן״:

„איך בעט ניט נדבות\
פון וועגן זכות־אָבות,\
פאַרהאָרעוועו וויל איך מיין ברויט;\
נאָר אַרבעטן וויל איך,

פאַרקויפן אייך ביליק
מיין פראַצע, פון פנים דעם שוויס;
נאָר קויפט עס געשווינדער,
מיין ווייב, מיינע קינדער —
אויף זיי דער רחמנות איז גרויס".

ווי ניי עס האָט אַ קלונג געטאָן אין דער יידישער פּאָעזיע! אייניקע האָבן עס ניט געקאָנט באַמערקן, ווייל זיי זיינען לכתחילה צוגעגאַנגען מיט פאָראורטייל צו „אַגיטאַציע" און „פראָקלאַמאַציע": זיי האָבן ניט געקאָנט באַנעמען דעם פראַצעס פון קעגנזייטיקער אויפווירקונג. אָט־די „פראָקלאַמאַציעס" האָבן דאָך פאַרמירט דעם קולטורעלן באַוואוסטזיין פון דעם ליריקער, אים פאַרוואַנדלט אין אַ פראָלעטאַרישן ליריקער. מיט דער פאַרשטאַרקונג פון זיין וועלט־אַנשויאונג ווערט אַלץ שטאַרקער און אויסדרוקספולער דער ליריקער אין אים, די סאַמע קינסטלערישע פאַרפולקומטע לידער זיינע, זיינען די, אין וועלכע די ציל־אַנווענדונג איז שאַרפער און באַשטימטער, וועלכע האָבן אין זיך מער „אַגיטאַציע". צווישן זיינע סאָציאַלע מאָטיוון טיילן זיך אויס קינסטלעריש ניט די לידער, אין וועלכע דער פּאָעט שטעלט בלויז פעסט די קלאָגעדיקע לאַגע פון דער אַרבעטער־מאַסע, נאָר די, וואו ער שטויסט צו אַקטיוון פראָטעסט און ווייזט אָן די רעאַלע מיטלען צו ענדערן דעם מצב. דער דערמאָנטער אַרבעטסלאָזער פון דעם ליד „אָן אַרבעט" איז דערווייל אַ פּאַסיווער יידישער אַרבעטס־זוכער, כאָטש ער האָט שוין דערגרייכט אַ געוויסע מדרגה פון באַוואוסטזיניקייט, אַז ער „בעט ניט נדבות פון וועגן זכות אָבות", דאָך רופט ער אַרויס אַ געפיל פון באַדויער און מיטלייד: „פאַרקויפן אייך ביליק, מיין פראַצע — — — מיין ווייב ,מיינע קינדער, אויף זיי דער רחמנות איז גרויס". פאַרגלייכן מיר אָבער דאָס דאָזיקע ליד מיט אַ שפּעטערדיק ליד געשריבן אין דעם זיידנס דריטן פעריאָד „ליד פונעם לוין־שקלאַף", וועלכער ווייסט, אַז אַלץ, וואָס ער בויט און שאַפט, מאַכט פעטער, רייכער דעם קאַפּיטאַליסט; זיין כוח, זיין מוח, זיין גוף, זיין נשמה פאַרדינגט ער, אָבער —

„דער פרייער גייסט ,דער פרישער מוט
די קאַמפּסלוסט בלייבט מיר איבער,
די קראַפט, וואָס שאַפט און קעמפט, און טוט,
און שרעקט זיך ניט פאַר וואונד און קנוט.

דער מוט צו קריג,
דער נאָענטער זיג,
די צוקונפט בלייבט מיר איבער!״

וויפל סאָציאַלע דערפאַרונג ליגט צווישן די צוויי לוין־שקלאַפן פון די דאָזיקע צוויי לידער! און וויפל ליריש־קינסטלערישער וואוקס פון ווינטשעווסקין דעם פּאָעט!

אין ערשטן ליד האָבן מיר שלאַבערדיקע פערזן, ווי דער רעטשי־טאַטיוו פון אַן אָרעמאַן, אָן ריטמישן אָנוואוקס, אָ בילדלאָזע שפּראַך, און אין צווייטן — אַ ליד מיט כוואַליענדיקע און קרעפטיקע עמאָציאָ־נעלע ריטמען, מיט אָרקעסטראַלער אינסטרומענטירונג; די שפּראַך איז פריש און דרייסט און ליריש־בילדעריש.

„די רעדער מיט לעדערנע רימענס און פּאַסן,
געשניטן כמעט פון מיין הויט,
באַשאַפן אַן אייגנס פון מילי־מיליאָסן
אין הייזער וואָס איך האָב געבויט;
אין ריזן־פאַבריקן, וואָס יענע פאַרמעגן,
געווינענדיק וואָס איך פאַרליר״.

ווינטשעווסקיס צווייטער דיכטערישער עטאַפּ איז געווען אונטער דעם צייכן פון אומבאַשטימטן דראַנג צו שטורעם. פאַרן ליריקער איז נאָך דערווייל ניט קלאָר געווען דער סאָציאַלער מהות פון דעם גרויסן און מעכטיקן ווילן פון אַ קלאַס, וואָס וועט קירעווען די וועלט צו זוניקייט און העלקייט. דערווייל איז עס דער פּאַטאָס, וואָס קומט פון אַ דראַנג צו שטורעם, צו אַ מין סטיכייאישן אויסברוך. דער דאָזיקער דראַנג איז אָפט געווען אומבאַשטימט, צעפלאָסן. דאָס צענטראַל בילד פון דעם עטאַפּ איז די שיף:

„אונדזער שיפעלע איז קליין,
און אונדז פעלט אַ קאַפּיטאַן,
און מיר גייען גאַנץ אַליין
אויפן בייזן אָקעאַן,

שטאַרק איז אָבער אונדזער רודער,
אונדזער מאַסט און אונדזער זעגל,
אוןביים רודער שטייט אַ ברודער,
פרייהייט שטייט אויף אונדזער דגל".

די שיף־געשטאַלט האָט דער אַרבעטער דיכטער גענומען פון דער אַלגעמיין ראַדיקאַלער פּאָעזיע, וואו דער „איינזאַמער זעגל" (לערמאָנטאָוו) פלעגט באַדינען די בונטאַרישע געפילן פון ראַדיקאַל, וועלכער „זוכט דעם שטורעם, ווי עס וואָלט אין שטורעם זיין די רו". דער ראַדיקאַלער „שטורעם" האָט, אין אַ געוויסער מאָס, טאַקע אָנגעבלאָזן די זעגלען פון פּראָלעטאַרישן קאַמף, וועלכע האָט צו יענער צייט איבערגעלעבט זיין העכסטע שטורעם־אָנשטרענגונג.

ביסלעכווייז האָט אָבער ווינטשעווסקי פאַרבילדערט די רעטאָרישע צעפלאָסנקייט פון זיין שורה און האָט אָנגעהייבן שרייבן אין פאַרשטייפטן געמאָסטענעם פערז מיט אַן אינעווייניקסטן צאַפּלדיקן ריטם.

אינעם דריטן פּעריאָד האָט ווינטשעווסקי אָפּגעדרוקט זיין ליד, געווידמעט דעם גלויבן אין „פּאַראַדיס — אין פאָלק":

„אין אַלע ריטמען וואָלט איך זינגען
צו וועקן דיך צום שטרייט;
אין אַלע גלאָקן וואָלט איך קלינגען,
צו מעלדן דיר די צייט;

אין אַלע שפּראַכן וואָלט איך רעדן —
אַ פלאַמענצונג — צו דיר,
אין שטראַלן די געדאַנקען קליידן,
פאַר דיר, מיין פאָלק, פאַר דיר".

אינעם דאָזיקן פּעריאָד האָט ווינטשעווסקי אויך אָנגעשריבן אַ כאַראַקטעריסטיש ליד, געווידמעט זיין „מוזע" און „מוז". באַוואוסטזיניק האָט ער רעסטאַווּרירט די תמימות פון אַמאָליקן משכיל, וועלכער פאַרקנסט זיך מיט דער מוזע — דער „הימלישער טאָכטער", כדי דעמאָנסטראַטיוו

אונטערצושטרייכן די אָרגאַנישע צונויפפלעכטונג פון דער יום־טובדיקייט מיט דער וואָכעדיקייט:

„דאָן אין דעם רוישנדן, ברויזנדן שטורעם
ווערן זיי ווידער געלייטערט ביי מיר;
גיסן, געזויבערט, זיך אויס ווי פון פורעם
שטייגן צום הימל צוריק מיט אַ שיר".

מ. ווינטשעווסקי דערהייבט זיין דיכטערישע שורה ביז ער שאַפט אַן אָריגינעלן נייעם גראַם און נוצט אויס די מעלאָדיק אויפן ברייטסטן אופן. ער פאַרשטייפט זיין דיכטערישע סטראָפע מיט אַ שטרענגקייט, און עס דאָמינירט דאָרט דאָס קינסטלערישע בילד און די לירישע שטימונג..

און איצט אַ וואָרט וועגן דעם זיידנס אינדיווידועלער אָדער פערזענלעכער ליריק און זיין נאַטור־אימאַזש.

קיין שום מענטשלעכע געפילן זיינען ווינטשעווסקין ניט פרעמד. ער באַמיט זיך אין זיין אייגנאַרטיקן ריטם אויפצופּראַלן זיינע פריידן און ליידן, זיינע אינטימע איבערלעבונגען. זיינע אינטימע געפילן, זיינע ליבע־געפילן, פונקט ווי זיינע טרויער־אַקאָרדן זיינען אָבער ניט אַבסטראַקט, דאָס איז ניט קיין לירישער אויסגוס פון „איכיסטישע" ליבע־געפילן. אַ ליריק פון אַ באַשטימטן געמיטס־צושטאַנד אָדער פערזענלעכן גורל. זיין אינדיווידועלע איבערלעבונג איז טיפּיש, ווייל פאַראַלגעמיינערט.

ווינטשעווסקיס ליבע־ און טרויער־לידער זיינען ריטמיש ניט נאָר לויט דער פאָרם, נאָר אויך לויטן אינהאַלט. ער זינגט פון לעבן און טויט, פון האָפענונג און יאוש, פון גלויבן און צווייפל, פון לעבנס־לוסט און מידקייט, ווי יעדער ליריקער, די איבערלעבענישן האָבן אים געמאַטערט, געדריקט דאָס געמיט ניט ווייניקער ווי ביי אַנדערע ליריקער, ווי זיין צייט־חבר יהואָש, צום ביישפּיל. ביי יהואָשן איז אָבער פון דעם געוואָרן אַ געלאַסענער ריטם, וואָס שטילט איין, באַרואיקט און גלעט און פאַרוויגט אין אַ האַרמאָנישער שטימונג. דער לייענער בלייבט ווייטער לעבן אין דער וועלט, מיט זיינע געדאַנקען, כאָטש עפּעס איז רואיקער געוואָרן.

ווינטשעווסקיס דינאַמיק האָט זיך אויך אָפּגערופן אויף זיין נאַטור־בילד און מעטאַפאָר. פונקט ווי דאָס לירישע וואָרט, ביי זיין גאַנצער זיב־געוודיקייט, איז ניט קיין אַבסטראַקטע קלאַנגען־קאָמבינאַציע, אַזוי באַדאַרף

דער מעטאַפאָר פון דער נאַטור ניט טאַרמאָזירן, האָמעווען דעם מיין פונעם ליריקער.

געשטאָרבענע האָפענונגען, טויטע פאַרלאַנגען,
לאַנג איבערגעקומענע זעלישע דראַנגען.
איך זיץ אויף אַ שטיין ביי מיין כותל־מערבי,
איך זיפ דורך די אַש פון מיין אייגענעם בראַנד.
די אַש פון מיין שרפה ביים כותל־מערבי
און זיפץ מיטן זיפץ פון ירמיה הנביא״.

מ. ווינטשעווסקי האָט זיך ניט געלאָזט פאַרפירן פון דעם לאַנג־אָטעמדיקן לירישן פּיזאַזש, וואָס שאַדט דעם טעמפּ פון זיין ליד.

„לידער פון שטערן אין הימל ביינאַכט,
לידער פון הערלעכקייט אין דער נאַטור.
לידער פון גרעזעלעך, קוויטעלעך, פּראַכט
גייען מיין אויער פאַרביי אָן אַ שפור.
— — — — — — — — — — — — —
לידער פון פאָלקס־לײדן — נאָר די אַליין,
האָבן אַ זין פאַר מיר האָבן אַ קלאַנג;
נעמען געפאַנגען מיין אויער, מיין ברוסט,
דרינגען אַריין אין מיין האַרץ, מיין נשמה״.

דאָס איז געווען דעם זיידנס פאָעטישע קרעדאָ, וואָס האָט אים געפירט אויפן וועג צום סאָציאַלן און קינסטלערישן אמת אַ לעבן לאַנג. און דערפאַר האָט ער זוכה געווען צו ווערן דער ערשטער יידישער אַרבע־טער־פּאָעט, דער דיכטער פון די פאָלקסמאַסן.